STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10807

DRAY ZUMERS

Yekhiel Shraybman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעכיעל שרײַבמאַן

דרײַ זומערס

דערצײלונגען

אָגיז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס“
מאָסקווע 1946

אינהאלט

	זײַט
1. דער קישלאַק	3
2. עסטער־גיטע פֿונ באַלטע	16
3. כאַוועער בראָווער	33
4. ווינטער־טעג	41
5. גאָלדע	49
6. צענ צענטנער ברויט	64
7. די לײטענאַנטקע	71
8. דרײַ זומערס	81
9. ווענט	90

И. ШРАЙБМАН

ТРИ ЛЕТА

Редактор *Б. Котик.* Обложка и иллюстрации художника *М. Горшмана*
Тех. редакция *М. Погостера*

А—02212. Сдано в производство 19/III-46 г. Подписано к печати 9/VII-46 г. 3,25 п. л. 4,5 уч.-изд. л. Формат 72x108 $^1/_{32}$. 53.800 тип. зн. в л. Тираж 10.000. Заказ 164.

13-ая типография треста „Полиграфкнига“ ОГИЗ'а при Совете Министров РСФСР
Москва, Денисовский, 30.

1. דער קישלאַק

אינ אוזבעקיסטאַנ איז דער זומער אַ מעסוקנ הייסער. ריטשקע־לעכ לויפֿנ צווישנ שטעכלקעס. די סטעפּעס זײַנענ פֿול מיט ווילדע גראָזנ, אומעטום דרייענ זיכ שמאָלע, סוידעסדיקע סטעזשקעס. די ריטשקעלעכ לויפֿנ אַפֿ די פֿעלדער, די סטעזשקעס לויפֿנ אַפֿ די פֿעלדער, זיי יאָגנ זיכ איבער, קרייצנ זיכ אונ לויפֿנ ווײַטער. דאָס וואַסער יאָגט פֿונ די בערג. דער וועג — פֿונ קישלאַק.

זומער איז דער קישלאַק אַ גרינער. ער איז ארום אונ ארום באַצירט מיט סעדער. ווו זײַנענ די ליימיקע קיביטקעס? ווו רעווענ די אייזלענ? נישטאָ די ליימענע קיביטקעס. די אייזלענ זעט מענ ניט. אַלצ איז באַהאַלטנ צווישנ ביימער. די צווײַגנ אַפֿ די ביימער זײַנענ שווערע: דער אוריוק צעײַטיקט זיכ ערשט. אַ שטיק קוועקזילבער וואַרפֿט זיכ אינ מיטנ דאָרף. דאָס לויפֿט אַזוי אַ וואַסער לעשנ דעם דאָרשט בא די קאָלווירטישע ווײַנגערטנער.

25268

פארנאכט הייבט זיכ אופ א שטויב אינ קישלאק: די אוזבעקנ פאָרנ אפ די אייזלענ פונ דער ארבעט.

זקיינים מיט פארשטויבטע בערד, אָנגעטאָנ אינ וואטאָווע פארביקע טשאָפאנעס, פאָרנ טריט בא טריט. די האָריקע הערצער זייערע זײַנענ צעכראסטעט אונ פארברענט פונ דער זונ. די אָפגעגאָלטע קעפ — ארומגעפלאָכטנ מיט ווײַסע האנטעכער. פונ אונטער די לאנגע ארבל זייערע קוקנ ארויס סערפנ. דער סערפ שטורכעט דעם אייזל: קככ!.. קככ!.. די אייזלענ זײַנענ אָפגעקראָכענע, אלטע אונ פוילע. וויפל מע זאָל זיי ניט שטורכענ, רירנ זיי זיכ קוים פונ פלאצ, גייענ זיי טריט בא טריט.

— אסאלאָמ אלייקעמ!

— אלייקעמ אסאלאָמ!

באָרוועסע ייִנגלעכ מיט אויסגעשטיקטע טיובעטייקעס אפ די קעפ, אינ העלע לײַוונטענע גאטקעס, צעטרײַבנ די אייזלענ זייערע, יאָגנ ארויס אפ פאָרויס.

דער שטויב איז א געדיכטער אונ גרויער. געלעכטער שנײַדט זיכ ארײַנ אינ שטויב שארפ, גלעקלדיק, ווי א יונגער וועסנע-דונער. שווארצע אוזבעקישע מיידלעכ מיט בינטלעכ גראָז אפ די קעפ. די מיידלעכ זײַנענ שיינ, שטײַפ אונ לײַכט ווי טענצערנס. איינ דרייט זיכ — אונ עס טאנצנ אומ אפנ מיידלשנ רוקנ עטלעכע צענדליק הארטפארפלאָכטענע, דינינקע צעפלעכ. די הויזנ מאכנ די מיידלעכ שטאלטנער, העכער. זיי רויטלענ זיכ, די מיידלעכ, האלטנ די אויגנ אראָפגעלאָזט, כיינדלענ זיכ מיט זייער צניעסדיקער שעמעוודיקײַט.

— גאָט גוטער... א בריוו פונ יולדאשנ, פונעם פראָנט... געליבטער מײַנער...

— העלד טײַערער!..

— ענטפערסט אימ הײַנט? א לאנגנ בריוו?

— שרײַב, אז די בריגאדע פארשעמענ מיר ניט.

— גלײַכ ער וואָלט נאָכ בריגאדיר געווענ.

— און געוויזן...

— און געלערנט...

— מיר האָבן היינט צוויי העקטאר געראָשטן אָנגעשניטן!

— אלע?

— אלע אכט! צו דריטהאלבן נאָרמעס!

— אימ צוליב! דיר צוליב!

— ער וועט צוריקומען דורכ טאשקענט... ער וועט אייך אלעמען מאטאָנעס ברענגען...

— און א כאסענע וועלן מיר פּראוועוון!

— איי, א כאסענע...

— איי, א כאסענע...

ווידעראמאָל הילכט אוּפ מיידלש געלעכטער. בא די אכט כאווערטעס ווערט פון די סערפּן האלבע לעווּאָנעס אפ די קעפּ. וואָסי, באלערינעס קלייבן זיך אין א טאנץ אוועקצושוועבן? שטויב פאלט געדיכטער און טינקעלער; די טשערעדע טראָגט איצט אהיימ אירע שווערע אייטערס.

* * *

באנאכט איז אין קישלאק שטיל. מע הערט, ווי עס מורמלט צווישן די גראָזן: בול, בול... בול, בול... אן אלטיטשקע אָן ציין וויינט עס דאָרט? דאָס ריידן אזוי די ריטשקעלעך, דאָס וואסער קאָן דערציילן:

— אָט דאָרטן-אָ האָט אמאָל געוווינט דער ביי, בול, בול... אָט יענעביימער האָבן זיינע קנעכט פארפלאנצט... זיינע טשערעדעס שאָפ פלעגן דאָ זיך אָנטרינקען, בול, בול... בול, בול... איבערן סאמארקאנדער וועג האָבן קאראוואנען קעמלען אָנגעשטאָפּטע זעק מיט וואָל געפירט... אין אונדז האָבן פאסטעכער די פארדארטע שטיקלעך פלעצלעך געווייקט... טרערן האָבן אונדז צוגעזאלצן, בלוט האָט אונדז צוגעפארבט, בול, בול... נישטאָ מער קיין ביי‏עס... די שאָפ

זײַנע קאָלווירטישע, די פּאַסטעכער—קאָלווירטניקעס... אָט דאָרטן-אָ איז די קישלאַקישע אַמבולאַטאָריע. בול, בול... בול, בול...

דאָס וואַסער ווערט ניט מיד צו דערציילן. ביז קאַיאָר אַזוי, אַ לאַנגע, באַקאַנטע דערציילונג...

אַז אין דרויסן הייבט אָן בלאָ ווערן, ציִען זיך אָן די טאַנדערס אין קישלאַק. רויטע צונגען פֿלאַנטערן זיך צווישן גרינע צווײַגן. ס'שמעקט מיט פֿרישע פּלעצלעך. אין די גערטנער, אויף טעפּיכער, זיצן יונג און אַלט, די פֿיס אונטער זיך, עסן הייסע „נאָן" און זופּן פּויל די טיי פֿון שאָל. סע גאָלדיקט נאָך דער מאָרגנשטערן. יונגע ציג-לעך שפּאַצירן אום אויף די דעכער און הריזען דאָס גראָז אָפּ. די בריגאַדירן באַווײַזן זיך אויף די פֿערד רײַטנדיק: ס'איז דאָ אַזויפֿיל טוווּע אויף די פֿעלדער, אַ האַלבע זון איז שוין אין דרויסן. ס'איז מילכאָמע-צײַט!..

יונג און אַלט כאַפּט זיך צו די סעלפּן, זעצט זיך אויף די אייזלען. אַ קיל ווינטל קומט זיי אַנטקעגן.

אַ מעכײַעדיקער פֿרימאָרגן.

* * *

די בריגאַדע עוואַקויִרטע גייט אויפֿן טמעף אַרום צופּוס.

די עוואַקויִרטע זײַנען ייִדן — באַלטער, כערסאָנער, קיִעווער און קישינעווער. דער בריגאַדיר, נאָכעם פּאַטלאַזשאַנער, איז אַמאָל געווען אַ קאַצעוו און אַ פֿערד-הענדלער, אין זעקס-און-צוואַנציקסטן יאָר איז ער אַוועק אויף ערד. פֿון די אַלטע צײַטן האָט ער מיט זיך מיט-גענומען אַ „מיִעס מויל" און מיִעסע טעוועס. האָט ער ליב אַ זידל טאָן מיט די נידעריקסטע ווערטער און אַ קוועטש טאָן פֿרעמדע צאָרעס. בײַ דער ערד איז אים צוגעקומען פּראָסטקײַט און אַ סינע צו ניט-אויפֿריכטיקײַט. די סינע גיסט ער אַמאָל אויס גלאַט קעגן שטאָ-טישע: „ערד האָט פֿײַנט, — זאָגט ער, — אַז מע פּאָרעט זיך אַרום איר אין געפּרעסטע הויזן... אַז ס'האָט אונדז געטראָפֿן אַזאַ אומגליק,

מעג קיעווער יידנ אָנשטיינ צו גיינ אינ די הוילע גאַטיעס ביז נאָכנ אומגליק!..” ער האָט ליב, אז מע רופט אים „כאַווער פּאַטלאַזשאַנער”, ווי אינ דער היים, אפ דער אוקראינע, אינ יידישנ קאָלווירט „פּרי-לינג”. צו דער ארבעט גייט ער באָרוועס. אפנ שליאַכ, אינ זאַמד, שטעמפּלענ זיכ אָפּ די גרויסע טריט פונ די מעגושעמדיק-גרויסע פיס זײַנע.

אפנ סטעפּ פאַלנ ווײַבער אפ די קני פאַר הויכע ווייץ-סנאָפּעס. נאָכעמ פּאַטלאַזשאַנער, מיט די לאַנגע צעשויבערטע וואָנצעס זײַנע, שטייט ווי א סטראַשידלע צווישנ די סנאָפּעס:

— מע קומט מיט פּרעטענזיעס... זאָגט א דאַנק, וואָס מע האָט אײַכ ארויסגעשלעפּט פונעמ פײַער אונ געבראַכט אײַכ אַזוי ווײַט אינ דער טיפקײַט ארײַנ... איר ווייסט, וואָס דאָרט טוט זיכ? נעמט א בלאַט אינ די הענט!..

נאָר אינ וואָס באַשטייענ דענ די ווײַבערס פּרעטענזיעס?

אינ דעמ, אז די האָרעוואַניע זייערע זאָל מענ זיי ריכטיק אויס-מעסטנ אונ ריכטיק ארײַנשרײַבנ די פאַרדינטע ארבעטס-טעג; אינ דעמ, אז אָוואַנסירנ זאָל דער קאָלווירט מיט פּאַרטיקנ מעל, מע זאָל זיכ ערשט ניט דאַרפנ שלעפּנ מיט די זעק אינ מיל ארײַנ. זיי ריידנ אַלע מיטאַמאָל, די ווײַבער. עסטער-גיטע פונ באַלטע האָט אַזא וויי-נענדיק קוויטשל. בא בראָכע מאָרדכע בעסאַראַבערס שאָקלענ זיכ די ציינ אינ מויל, אונ די ווערטער פאַלנ בא איר איינס איבערנ אנדערנ. בא דער כערסאָנער זײַנענ דעמ כוידעש גאַנצע זעקס „טעג” פאַר-פאַלנ געוואָרנ.

— מע וועט ארויפקומענ פונעמ ראיאָנ... מע וועט זיי די אויגנ אויסדראַפּענ...

— א קלייניקײַט — עוואַקוירטע...

— מענער אפ די פראָנטנ!.. האַלבע אַלמאָנעס!..

— וואָדענ, קיינעמ טוענ מיר ניט וויי, קיינעמ?..

— אונ אַליינ פאַר וועמענ האָרעוועמ מיר? נישט פאַר די פראָנטנ?

— מע וועט ארויפקומענ פונעמ צענטער!

— מע וועט ניט שווײַגן!..

נאָר אַז מע קומט אַראָפּ פֿונעם „צענטער“, פֿאַרלירן זיך אַלע. דערעכערעץ עסט אויף די פּוּטעטעניעס.

אין ווײַסע הויזן, מיט אַ פֿאַרביקער טיובעטייקע אויפֿן קאָפּ, שטייט דער ערשטער סעקרעטאַר פֿונעם ראַיאָנעם פּאַרטיי-קאָמיטעט אַזיזאָוו און קוקט, ווי ייִדענעס מיט צעאַקערטע פּענעמער שפּאַנען נאָך דעם קאָמבײַן און קלײַבן אויף די איבערגעלאָזטע ווייץ-זאַנגען. ער איז בייז און פֿאַראַקשנט, דער דאָזיקער כאַווער אַזיזאָוו, ער וויל, מע זאָל זאָגן דעם קאָלווירט-פֿאָרזיצער אין די אויגן, וויאַזוי ער באַהאַנדלט עוואַקויִרטע.

נאָכעם פּאַטלאַזשאַנער קאָן זיך קיין פּלאַץ ניט געפֿינען. ס'איז אים שלעכט אי אַזוי, אי אַזוי, ער ווייסט שוין אויף זיכער, אַז רייד קאָנען דאָ נאָר קאַליע מאַכן.

אַז קיינער זאָגט ניט גאָרניט, שיסט עסטער-גיטע אויס אַ געוויין מיט אַ ניגון. דאָס וויינט זי אויף אירע באַזונדערע צאָרעס, עסטער-גיטע פֿון באַלטע. בײַ דער בעסאַראַבערקע צעשאָקלען זיך די ציין אין מויל. קיִעווער שלעפּן ספּראַווקעס פֿון די בוזעמס. אַזיזאָוו קוקט זײַטיק אויפֿן קאָלווירט-פֿאָרזיצער און הייסט, מע זאָל די עוואַקויִרטע יעדן טאָג אויסשרײַבן מילך פֿון דער פֿערמע. פֿון קיין מיל זאָל מען מער ניט הערן. אין קינדערגאָרטן דאַרף זיך טאָמיד אַ שטיקל פֿלייש געפֿינען. אין שפּײַכלער איז נאָך דאָ הירזש? יעדע מישפּאָכע זאָל באַקומען אַ שטיק ווײַנגאָרטן, אָפּגעטיילט פֿון די קאָלוויִרטישע ווײַנגערטנער...

אין דער אָפּרו-שאָ זיצט נאָכעם פּאַטלאַזשאַנער צווישן די ווײַבער, ווי אַ פֿירזאָגערן, און לייענט זיי דעם לעצטן בלאַט. די וואָנצעס זײַנען זײַנע איצט קירצער און צעשויבערטער. ער רײַסט אָפּ אַ שטיקל צײַטונג בײַ די ראַנדן און פֿאַרדרייט אַ גראָבן ציגאַר, די אויגן הייבט ער ניט אויף צו קיינעם ניט. וואָס רעדט ער עפּעס צום טאָרבעלע מאַכאָרקע, וואָס?

— נו, וואָדענ... ס'איז דענ דאָ קיינ סאָוועטסקע וולאסט ניט?..
נאָר אז מע קענ זיכ מיט זיי ניט איינפארשטיינ, מיט די אוזבעקנ...
הינטער דער פלייצע באוויַזט אימ עמעצער א רויטע צונג, א לאנגע: — נישקאָשע, די אוזבעקנ זיַינענ לייַטישער פונ אונדז!..
נאָר ער הייבט ניט אופ די אויגנ אונ דרייט דעמ קאָפּ ניט אויס, ער וועט איצט ניט ווערנ אינ קאס, וועט זיכ איצטער ניט כאפנ זידלענ. זאָל אציינדער זיַינס איבערגייענ...

* * *

ביז שפּעט אינ דער נאכט ארבעט די קאָלווירטישע קאָנטאָר. בא א פערצענגער לאָמפּ זיצט טורסונקול גאנע — דעמ פאָרזיצערס פארטרעטער.

אָנגעלאָדענע קעמלענ פאָרנ אָפּ קיינ ביגאוואט, צומ קאנאל, אפנ נייַ אָנגעהויבענעמ פארכאדבוי. סע ראשט זיכ אינ קישלאק. אינוויי-ניק ארומ טורסונקולנ זיצנ אויסגעזעצט אינ א האלב-קרייַז בריגאדירנ, טאבעלשטשיקעס, ארבאקעשנ: דער קאָמבייַנ דארפ מאָרגנ אפּ נייַע פעלדער אריבערפאָרנ; די פעסלעכ ברינזע איז שוינ צייַט אָפּצופירנ אינ ראיאָנ ארייַנ; וואס איז מיט דער מיל, פארוואָס קלאפּט מענ דעמ שטיינ ניט אויס, דאָס מעל זאָל זיכ באקומענ דינער א ביסל?..
טורסונקולנ טרערט דאָס רעכטע אויג. דאָס לינקע אויג האָט ער פארלאָרנ אפנ פראָנט אינ א הייסנ אווגוסט-טאָג, אינ די ערשטע אָדעסער שלאכטנ. ער קוקט אפנ אלטיטשקנ אגראָנאָמ, וואָס דרעמלט אונ סאָרטירט דרעמלענדיק וויַיטער די דייַז-זאנגענ, נאָר מיינענ מיינט ער נאָכעמ פאטלאזשאנערנ, דעמ בריגאדיר פונ די עוואקויִרטע:
— הער נאָר, דו... אינ אמבאר ליגנ שוינ די אָרדערס!.. צו צוויי פוד הירזש אונ קארטאָפל... מאָרגנ וועסטו צעמעסטנ דרייַ העק-טאר ווייַנגאָרטנ!
פאטלאזשאנערנ געפעלט עפּעס ניט, וואָס בא טורסונקולנ טרערט צופיל דאָס רעכטע אויג, ער ווייסט אימ ניט וואָס צו ענטפערנ.

— צו וואָס מאָרגן צײַט פאַרלירן? זע גאָר א מין לעוואָנע אין דרויסן!..

איינע זײַט פּאָנעם טורסונקולס שמייכלט, די צווייטע זײַט איז פארלאָפן מיט כויזעק און פארביטערטקײַט:

— איצטער אײַלסטו זיך... עך, דו... מע האָט אַן אינוואליד פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע אומזיסט און אומנישט אויסגעמוסערט... גיי, גיי שלאָפן!

צווישן די אוזבעקן, אין א האלב־קרײַז, פלאָנטערט זיך די „לייטענאַנטקע”. באלד וועט מען איר אויסשרײַבן פּראָדוקטן פארן קינדערגאָרטן. זי רעדט אוזבעקיש, גיך, גלאַט, גלײַך זי וואָלט געבוירן געוואָרן אָט דאָ, אף דער אוזבעקישער ערד, און ניט ערגעץ אף פּאָדאָל אין קיִעוו. די אלטע טורדאדזשאַן נעמט זיך מיט איר ארום אפן אוזבעקישן שטייגער: איינ מאָל און נאָך א מאָל. בא די ברייטע גאַדירן שמייכלען די ארומגעשוירענע גרוילעכע בערד זייערע.

טורדאדזשאַן קען רוסיש, זי ציט די לייטענאנטקע ארויס אין דרויסן ארויס:

— מיר וועלן זײַן שכיינעס, טײַערע... אָט דאָ איז מײַן גאָרטן, אָן־אָ דאָרט וועט דײַן גאָרטן זײַן... דזשידא־ביימער בא דיר, ווי זײַד!..

די לייטענאַנטקע רעדט אוזבעקיש, טורדאדזשאַן — רוסיש:

— איז כאַפּ זיך ארײַן... מאָרגן... מיט אלע קינדער... די עפּל זײַנען שוין צײַטיק, דער אוריוק גאָלדיקט זיך!..

אין דרויסן איז טאקע עפּעס ניט קיין געוויינלעכע לעוואָנע: ליכטיקער ווי אין שטוב, באַם פערצענער לאָמפּ. אין קישלאַק איז שטיל, מע הערט, ווי די ריטשקעלעך בורמלען. לעבן דער טשײַהאַנאַ, אין וואסער־גרוב, האָבן פּלוצעם זשאבעס זיך צעקוואקעט: קווא, קווא... קווא, קווא...

די שטילקײַט איז דערנאָך נאָך א שטילערע...

* * *

דער קישלאַק שלאָפֿט. נאָכעמ פּאַטלאַזשאַנער איז אויף.

א צעגאַרטלטער, אין הוילנ צעכראַסטעטנ העמד, זיצט ער אינ דרויסנ אפֿ דער פּריזבע אונ האַלט פּאַריסנ דעמ קאָפּ צו דער לעוואָנע. עס האָט אימ אַראָפּגעטריבנ פֿונ געלעגער: געלאָזט זיך הײַנט דערנידעריקנ, זידלענ, מײַלע, פֿאַרוואָס פֿאַרשטייענ אָבער ניט די דאָזיקע נאַרישע ווײַבער, אז ניט זיי זײַנענ די גערעכטע?

אינ קאַמער צעמעקענ זיך נאָכעמס ציגנ — דערפֿילט אינ שלאָף דעמ ברויטגעבער זייערנ. נאָכעמ שלעפּט אַראָפּ א בינטל גראָז פֿונ דאַך. „האָדיע! — צעבינדט ער דאָס גראָז, — כ'גיי, כ'גיי! האָדיע!" פֿאַרוואָס פֿאַרשטייענ ניט די ווײַבער, אז זיי גאָר זינדיקנ? א וועלט גייט אומקומענ, אונ זיי פּעסטענ זיך, די נאַראָנים. נאָכעמ איז א שלעכטער, ער מאָנט אַרבעט, טאַקע ווײַל מע האָט אזוי געליטנ, טאַקע ווײַל מע איז מער ווי יעדערער געטראָפֿנ. אזיזאָו צעפּעסטעט אָבער די בריגאַדע, מאַכט פֿונ איר א טעל...

— א שלעכטער, נאָכעמ? — וואַקסט ער אויס מיטנ בינטל גראָז אינ קאַמער, — א מעסוקנ שלעכטער, האַ, ציגנ?

די ריטשקע אינ דרויסנ מורמלט הײַנט עפּעס שטאַרקער ווי שטענדיק אונ טרײַבט נאָכעמענ צוריק אינ שטוב אַרײַנ. אינ שטוב, אינ דער קלײנער קיביטקע דער ליימענער, אפֿנ האַרטנ ליימענעמ געלעגער, שלאָפֿט די נאָכעמקע מיט א פֿאַרקרימט צעעפֿנט מויל, א פֿאַרקנייטשט פּאָנעמ, צעפֿלאָכטענע אונ צעשויבערטע גרויע צעפּ, אונ זעט אויס קעגנ דער לעוואָנע-שײַנ ווי ניט זי. א פֿרעמדע, אומבאַקענטע יידענע נעכטיקט בא נאָכעמענ אינ קיביטקע.

פּאַטלאַזשאַנער פֿאַררייכערט א ציגאַר אונ צינדט אָנ דאָס קאַנעצל. לעבסט אָפּ מיט א מענטשנ העכער דרײַסיק יאָר אונטער איינ דאַך, אינ איינ בעט, אונ האָסט זיך ניט מיט וועמענ אנ אײַצע צו האַלטנ, האָסט ניט וועמענ א וואָרט צו פֿרעגנ.

— סאָרקע, — בייגט ער זיך אָן איבער איר מיט דער שײַן אין דער האנט, — איין רעגע, סאָרקע!.. א שלעכטער — נאָכעמ, הא? כ'האָב צונויפגעשטעלט א בריגאדע. א היימישע... סאמע עוואקוירטע... א יידישע בריגאדע... ווי אין דער היימ, אין קאָלכאָז „פרילינג". אויס קאצעוו, אויס פערד-הענדלער... געד'ענקסט, סאָרקע?..

נאָר סאָרע שלאָפט מיט א שווערנ פארהאָרעוועטנ שלאָפ און געדענקט איצטער גאָרניט ניט. זי טוט זיך א דריי פונ איין זײַט אפ דער אנדערער, טוט א פאטש מיט די צעפלאָנטערטע האָר אירע, און נאָכעמ בלײַבט מיט א פארלאָשענעמ קאנעצ אין דער האנט.

מיט א קישנ אונטערנ אָרעמ, אנ אָפגעלאָזטער, אינגאנצנ א צעש-פיליעטער, שטייט נאָכעמ אפ דער שוועל פונ דער קיביטקע זײַנער און ווייסט ניט, צו זאָל ער לייגנ זיך אפנ געלעגער צי אפ דער פרישער לופט אינ הויפ. וואָלט כאָטש די ריטשקע בא דער שטוב אזוי ניט געמורמלט, וואָלט כאָטש אזוי ליכטיק ניט געווענ אינ דרויסנ. איז ער גערעכט, צי די ווײַבער זײַנענ גערעכט? בול, בול... בול... בול...

נאָכעמ כאפט א קעטמענ, טוט זיך א לאָז מיט אימ ווי אפ גיינ אופנעמענ א געשלעגנ מיט עמעצנ. ערגעצ ווײַט, מיט עטלעכע הויפנ העכער, שטעלט ער זיך אוועק מיטביידע לאנגע פיס איבער ביידע זײַטנ ריטשקע. עס צעפאָכעט זיך דער קעטמענ, שטיקער ערד וואלגערנ זיך ארײַנ אינ וואסער און פארשפריצנ נאָכעמענ דאָס פאָנעמ, דער קעטמענ קריכט אינ דער ליימיקער ערד, ווי אינ פוטער ארײַנ. באלד טוט זיך די ריטשקע א בייג אָנ א זײַט, דרייט זיך אויס מיטנ רוקנ צו נאָכעמס קיביטקע און אנטלויפט בארג-אראָפ גיך-גיך צו די פריש-פארזייטע קאָלווירטישע קארטאָפל-פעלדער. אי די טרוקענע פעלדער א ביסל אָנפויענ, אי נאָכעמ וועט איצטער קאָנענ אפ דער פרײַער לופט, אינ הויפ בא זיך, רויִק א קלער טאָנ, א שטיקל אייצע א זוכ טאָנ...

— נאָכעמ איז א שלעכטער, הא?.. א מעסוקנ שלעכטער?..

— בול, בול!.. בול, בול!..

א הענדל אינ קישלאק צעקרייעט זיך אפ א דינ הייזעריק קעלכל.

* * *

אײדער ס'הײבט אָנ טאָגנ, ווערט מיטאמאָל טונקל אינ קישלאק,
די לעוואָנע פארגײט אינ די בערג.

איבער די לײמענע שטיבלעכ, איבער די צעצוויטעטע בײמער, איבער די פלויטנ קומט אופ א שארפ שמעקנדיקע פרישקײט. אײזלענ רעוועג מיט פאריסענע אויסגעשטרעקטע העלדזער אונ צעבלאָזענע נאָזלעכער. העגער קרײענ. הינט האווקענ. באלד וועלנ א פלאקער טאָג רויטע צינגער צווישנ די בײמער.

דערווײל איז נאָכ אָבער אלצ אָנגעטאָנ אינ בלויקײט. אינ דער בלויקײט בלאָנדזשעט פאטלאזשאנער צווישנ שמאָלע אוזבעקישע ליקלעכ, קריכט איבער פרעמדע פלויטנ, פלאָנטערט זיכ צווישנ שטעכיקע צווײגנ. ווו איז די קאָלווירטישע קאָנטאָר אהינגעקומענ? ווער האָט דעמ לאנגנ טוווע־שפײכלער אויסגעדרײט מיטנ הינטנ פונ פאָרנט? ווו זשע ווײנט פאָרט דער פאָרזיצער, ווו? וויאזוי פאקט מענ ערגעצ איצט דעמ דאָזיקנ כאווער אזיזאָוו?

נאָר אז נאָכעמ פאקט שוינ דעמ כאווער אזיזאָוו, נעמט אימ ווי טאָמיד ווידעראמאָל אָפ דאָס לאָשנ. אנטרונענ אלע רײד, וואָס ער האָט נאָרוואָס, עפשער מיט א האלבער שאָ פריער, אויסגעשטעלט זיכ.

אינ סאָד באמ קאָלווירט־פאָרזיצער, אפ א ווײכנ אויסגעשפרײטנ טעפיכ, איז כאווער אזיזאָוו א גאנצע נאכט געזעסנ מיט די בריגאדירנ. לויט דער רײ, ווי דער אוזבעקישער שטײגער איז, אלײנ דערלאנגט יעדנ די פיאלע טײ אינ דער האנט אונ אויסגעפלאנעוועט אפנ גאנצנ זומער אי דאָס שנײדנ, אי דאָס דרעשנ, אי דאָס נײַע אָסיענדיקע פאראקערנ. נאָכעמ איז ארײנגעפאלנ פונקט דעמלט, ווענ מע דארפ.

— זעצ זיכ, גאסט!.. ביסט אויכ, זע איכ, א גאנצע נאכט ניט געשלאָפנ.

נאָכעמ קאָנ אָבער ניט לײדנ, וואָס מע רופט דאָ די עוואקוירטע

„געסט“. סע צעבינדט זיך אים די צונג. ער הייבט אָנ פונ דער מיט, אָנ אנ ארייַנפיר אונ אָנ אנ אָנהייב, גיך, פּלוצעמ, אונ אינגאנצנ ניט אזוי, ווי ער האָט זיך אינ דער היימ אויסגעשטעלט.

וואָס זשע פארא געסט זייַנענ מיר, אז דאָרט איז געווענ א קאָלכאָז, אונ דאָ איז א קאָלכאָז, אונ אומעטומ איז, דוכט זיך, איינ וולאסט — א סאָוועטסקע?.. ס'זייַנענ ניט געקומענ אהער קיינ קעסט-קינדער... דעמ ערשטנ טאָג געשטעלט א ראָשטשינע. אינ די טאנדערס אייַערע ברויט געבאקנ... מיר ווייסנ, וואָס האָרעוואניע איז, אונ מיר ווייסנ, וואָס ערד איז... ס'איז א שוטוועס׳דיק לאנד, אונ ס'איז א שוטוועטדיק אומגליק... וואָס זשע צעבאלעוועט מענ מיר די בריגאדע, וואָס?

כאווער אזיזאָוו פארשטייט ניט פּינקטלעכ, וואָס נאָכעמ וויל. נאָר ער ווייסט, אזיזאָוו, אז די דאָזיקע היימלאָזע מענטשנ, וואָס וואָלטנ עפּשער קיינמאָל קיינ קישלאָק ניט געזענ אינ די אויגנ, זייַנענ באאוולטע מענטשנ. ער געדענקט, אינ וואָס פאר א צושטאנד ער האָט זיי פאראיאָרנ אראָפּגענומענ פונ די עשעלאָנענ. דערשראָקענע, מידע, הוילע אונ בלויזע, ווי פונ א טרייפע ארויס. ווו וואָלט מענ זיך מיט זיי אהינגעטאָנ, ווענ ס'זאָל ניט געווענ זייַנ קיינ קאָלווירט אינ די קישלאקנ?

א סאכ זייַנענ דערנאָכ אפּילע אוועק אינ די שטעט.

ס'איז שווער איצט אינ אוזבעקיסטאנ. אלצ פארנ פראָנט אונ אלצ פאר דער דאָזיקער ביטערער מילכאָמע. אָט די געליטענע זייַנענ אָבער א שטיק מילכאָמע, א שטיק פראָנט. ער האָט דאָס הייַנט ווידעראמאָל איבערגערעדט מיט די בריגאדירנ. טורסונקול גאנע האָט דערציילט, וואָס ער האָט אלייננ געזענ בא די ערשטע אָדעסער שלאכטנ. אונ זיי האָבנ פארשטאנענ, די בריגאדירנ, צוגעזאָגט העלפנ, צוגעשאָקלט מיטפילנדיק מיט די ארומגעשוירענע בייזע בערד זייערע.

— נו, נו, ניט געזאָרגט, כאווער פאטלאזשאנער! מיר האָבנ אלצ אינ זינ. ווערסט די בריגאדע אראָפּגענומענ פונ סטעפּ!.. ס'איז בא אונדז פאר די ווייַבער דייַנע פאראנ גרינגערע ארבעטנ!..

דער גאנצער פלאנ, וואָס נאָכעמ האָט באנאכט אויסגעשטעלט זיכ, ווערט אינ איינ רעגע צונישט געמאכט. ט׳האָסטו דיר! ער וועט אָבער באלד נעמענ א וואָרט, זאָגנ׳ אז ניט דאָס האָט ער געמיינט. פארקערט!

נאָר ביז נאָכעמ עפנט דאָס מויל, טוט זיכ כאוועד אזיזאָוו אונ דער גאנצער אוילעמ אַרום אימ מיטאמאָל א הייב פונ די פלעצער אונ זעצנ זיכ אפ די פערד ארופ: סע ליגט אזוי פיל ברויט אפ די פעלדער... א האלבע זונ איז שוינ אינ דרויסנ... ס׳איז מילכאָמע־צייַט! די פערד דרייענ מיט די הינטנס, פאטשנ צופרידענע מיט די ווידלענ זייערע, צעהירזשענ זיכ. נאָכעמ בלייַבט אנ אייַנגעהילטער אינ שטויב.

אונ אז דער שטויב צעגייט זיכ, צעגייט זיכ פאוואָלינקע אויכ דער פארדראָס נאָכעמס. מיילע. בא א גרינגער ארבעט קאָנ מענ אויכ ארבעטנ. מע דארפ בעסער גיינ אָנזאָגנ די בסורע די ווייַבער.

ער צענעמט די פארשטויבטע צווייַגנ אונ קנייטשט דעמ שטערנ: יאָ, א האלבע זונ איז שוינ אפנ הימל!

אפנ שליאכ שטעמפלענ זיכ אָפ די טריט פונ די מעגושעמדיק־גרויסע באָרוועסע פיס זייַנע.

א קיל ווינטל קומט אימ אנטקעגנ. א מעכייַעדיקער פרימאָרגנ. דער קישלאק איז שוינ אופגעשטאנענ.

2. עסטער־גיטע פונ באַלטע

אלע עוואַקוירטע וווינענ אינ אײנ ווינקל.

אפנ בערגל, לעבנ אוזבעקישנ בעסוילעם, נישט ווײַט פונ דער אויפּעס-פערמע, טרײַבט מענ צונויפ אלע קאיאָר די קישלאַקישע טשע-רעדע. פונ דאָרט זעט זיכ אָנ, ווי עס דרייט זיכ דער כאַדזשי-מוש-קענטער שאָסיי-וועג. פונקט אנטקעגנ, אפ א צווייט בערגל, גרויסט זיכ די שול-געבײַדע מיט איר ווײַסקײַט אונ הויכקײַט. צווישנ ביידע בערגלעכ, אינ אײנ ווינקל, זײַנענ אָנגעפּלאָנטערט קליינע קעסטלדיקע שטיבלעכ.

דאָס ווינקל רופט מענ „יידיש געסל".

אינ די שטיבלעכ זײַנענ טאָמיד אָפּגעשמירט די „ערדנ". די שאַפ-קעלעכ אינ די ווענט — פאַרהאַנגענ מיט פירהענגלעכ. רוסישע אויוונס זײַנענ געלייגט מיט פריפעטשיקעס.

ערגעצ אפ א פריפעטשיק אונטער א דרײַפוס הויקערט זיכ א קאָטער. דער קאָטער טוט א שפרונג פונ פריפעטשיק, כאַפּט אינ די

נעגל א קנײַלכל בײַנוול, וואָס לויפֿט אף דער ערד ווי עפּעס א לעבעדיקע זאַך, ניט ווי קיין קנײַלכל בײַנוול. אַן אלטע ייִדענע, אָנגעטאָן אין ברילן, שטורכעט מיט שטאָלענע שפּיזלען א צעפּליקטן בײַנוולנעם זאָק.

אפילע אין דרויסן האָבן די שטיבלעך א באַזונדער פּאָנעם.

ווער האָט אוזבעקישע קיביטקעס אַרומגעגאַרטלט מיט הויכע פּריזבעס און אין די ווענט פענצטער אויסגעהאַקט, קרומע פענצטער, וואָס קוקן צו דער זון אַרויף? ציגן רײַסן די שטרוי פון דאַך. פלויטלעך זײַנען אָנגעטאָן אין היטלען — ערדענע קריגלעך. און אף דער שוועל — די גרויע ייִדענע. די ברילן האָט זי אויסגעטאָן, די שפּיזלען זײַנען אין די האָר פאַרשטעקט. פון א געקאָרטשעטער האַנט ווערט א צעבויגן דעכל איבער די אויגן: — שאַ נאָר! דאַכט זיך, א פרעמדער מענטש קומט אַהער פון כאַדזשי-מושקענטער וועג...

פון אונטערן בערגל יאַוועט זיך אַרויס דער פרעמדער, פאַרשטויבט און דאָרשטיק. ער איז אָנגעטאָן אין א רויטאַרמייִשער גימנאַסטיאָרקע. מיט איין האַנט טוט ער אויס דעם רוקזאַק, די אַנדערע — א ליידיקער גרינער אַרבל אין גימנאַסטיאָרקע. ער בעט א טרונק. ער קוקט נאָך דער אַלטיטשקער און באַטראַכט דאָס בינטל מאָדנע שטיבלעך. די ליפּן זײַנע ציטערן פאַר מידקײַט, נאָר די וואָנצעס שמייכלען. ווו איז ער, ווו? אין אַן אוזבעקישן קישלאַק צי אין א ייִדישן ייִשעוו, צווישן ראַשקעוו און ריוווניצע, ערגעץ אפן ברעג דניעסטער, נישט ווײַט פונעם קראַך באַלטע?

די ייִדענע נעמט אַראָפּ א „היטל“ פון פלויטל, גיסט אָן אַהין קאַלטע שיטערע זויערמילך, אפן גאַסטס באָרד באַווײַזן זיך ווײַסע שנירלעך. דורכן לאַדיש קומען די רייד זײַנע אַרויס מיט א ווידערקאָל:

— פון ווײַט, מומע, פון זייער ווײַט... כ׳האָב דאָ געפונען מײַן סעמייסטווע! ס׳איז נאָך ווײַט צום קאָלכאָז „קאַלינין“?

די ייִדענע באַשאָקלט מיטן קאָפּ דעם ליידיקן אַרבל און קראַצט זיך מיט א שפּיזל:

— אײַ, אײַ... פֿון זײער װײַט... װאָס זשע הערט זיך אױף דער װעלט? װען פֿאָרן מיר אַהײם, האַ?

— מומע, ס'איז גוט!.. אַבי מיר קענען שױן איבערװאַרטן, װעלן מיר נאָך, איך מיט אײַך, גרױס נאַכעס דערלעבן!.. אַהײם, כאַ-כאַ... באַ אונדז ביסטו אומעטום אין דער הײם...

דער פֿרעמדער טוט אַ װיש די באָרד, באַװײַזט, אַז זי איז מער פֿאַרשטױבט װי גרױ.

— אונדז װיל ער איבערקומען? אונדז קומט מען אַזױ גרינג ניט איבער!.. די צװײ ציגן זײַנען אײַערע, מומע?

די ייִדענע זעצט זיך דערנאָך רײַטנדיק אױף דער שװעל און טוט װידעראַמאָל אָן די ברילן. „נישט קײן נאַרישער ייִדן" — רעדט זי צום זאָק, — „נישט קײן נאַרישער ייִד!" — די היץ שלעפֿערט זי אײַן, דער קאָפּ אירער װערט שװער און צעשאָקלט זיך. האַלב אױף דער װאָר, האַלב אין כאָלעם, דערזעט זי אירע מײדל-יאָרן. עליִאָהו-האַנאָװי — שמעליִאָהו-האַנאָװי. געגאַנגען, געקומען, פֿוסגײער, אַ טרונק װאַסער געבעטן, גוטע בסורעס געבראַכט. אײַסעך, אַ נאַרישער כאָלעם אין אַ לאַנגן זומער-טאָג...

* * *

עפּטער-גיטע פֿון באַלטע.

װײַבער אױפֿן טעפּ כידעשן זיך: װיאַזױ גײט עס גאָר אַ מענטש אַרום און לעבט נאָך אַזױפֿיל אומגליק? װי עפּנט זיך נאָך אַ מױל אַ שמײכל צו טאָן?.. גײ דערצײל רעכילעס-טרײַבער װעגן קױעך, װאָס הײסט ביטאָכן, דערצײל טױבע װעגן נעגינע...

נאָך דער כאַפּער עסטער-גיטעס, אורעמל באַלטער, איז געװען אַ ייִד אַ באַל-ביטאָכן.

אורעמל האָט די באַלטער יאַרידן פֿאַרזאָרגט מיט געטריקנטס און געזײַערטס, געבראַכט אַזש פֿון יענער זײַט דניעסטער, פֿון בעסאַראַבער סעזאָן. ער איז געװען אַ רױטער ייִד, אַ קלײַנעדיקער

און האָט געהאַט אַ גרויסן שפּיציקן קנאָפּ אויפן האַלדז. די זיסע פּלוי-מען און די זויערע אוגערקעס האָבן פאַרשמאָלצעוועט דאָס כאַלאַטל זיינס. האָט זיך כּוון איר טאָמיד געטראָגן אַ ווייניקער רייעך, ווי פון אַן איבערגעשטאַנענעם עסיק-פלייש.

אַ שעמעוודיקע, מיט צוויי שוואַרצע גלאַנציקע צעפּלעך, איינס פאַרוואָרפן אויפן רוקן, דאָס צווייטע אין די הענט אויף צו פלעכטן עס שטענדיק, איז עסטער-גיטעלע דעמלט געגאַנגען אין אַ מיידלשן כיידער.

אַ גאַנצע וואָך זיינען באַ אוורעמלען אומגעפלויגן די פאַרשמאָל-צעוועטע פּאָלעס פון כאַלאַטל, דער קנאָפּ אויפן האַלדז האָט געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף; אָפטמאָל איז אויסגעקומען טאָגן און נעכטיקן אין פרעמדע בעסאַראַבער סעדער.

דעם טאַטנס פאַרדינסטן פלעגן עסטער-גיטעלע אַלע דאָנערשטיק, נאָכן יאַריד, אָפּטראָגן כּיי-דאָבע דער פראָצענטניטשקע.

כּיי-דאָבע האָט געהאַט אַ בלייך הייליק פּאָנעם, אירע גודערס האָבן זיך געקנייטשט ווי אַ האַרמאָניע.

פלעכטן זיך דורך אין אוורעמלס רויטער באָרד ווייסע פעדעם. אַז מע האָט גערעדט צו אים, האָט ער אָנגעהויבן הערן מיט אַ גע-פאַלדעוועטן שטערן און מיט פאַרקוועטשטע אויגן.

אַמאָל, פריִטיק, איז אוורעמל אַריין אין שטוב מיט אַ טאָרבע בעסאַראַבער פּאַפּעשוי-מעל, פון דער הייסער מאַמעליגע האָט געזוצט אַ פּאַרע און פאַרווישט דעם גלאַנץ פון די מעשענע לייכטער. עס-טער-גיטעלע האָט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געפלאָכטן איצט אין איין מאָל ביידע צעפּלעך: וואָס וויל זי, די כּיי-דאָבע? אין אַלקער האָט די מאַמע ווי אַ גרויע טויב שטיל געכליפּעט איבערן וויגל. אַ פּאָדעם שניידט זיך איין אין דער שאַבעסדיקער מאַמעליגע. קעגן די ליכט איז אוורעמלס באָרד אַ שטיק פלאַקער. ס'פּאָנעם שמייכלט. די פאַר-קוועטשטע אויגן עפענען זיך אויף, די ליפּן הייבן אָן באַוועגן זיך. ער וויל קידעש מאַכן, דער טאַטע? דער בליק זיינער זוכט דאָס

וויגל אין טונקעלן אלקער. ס׳קאָל איז זינגעוודיק, קלאָר, ווי א צווייטן מאָל בא קידעש מאכן:

— א מענטש, אז ער טרויערט, פאָרלירט ער צוויי מאָל: אי ער טרויערט, אי ער איז ניט גערעכט!..

עסטער-גיטעלע האָט דעמלט א קוק געטאָן צום טאטן ווי איבער ברילן אריבער:

— ניט גערעכט?.. וויאזוי, טאטע?

פרייד האָט אָבער אוורעמל באלטער ניט דערלעבט: כײַע-דאָבע האָט נאָך א סאך, א סאך יאָרן ארײַנגעשריבן אין איר פארגעלטן איסקע-בוך קײַלעכיקע פעטע ציפערלעך.

כאדאָשים, אָנגעלאָדענע מיט אָל און סאקאָנע, האָבן אוורעמלס לאנגן האלדז ארײַנגעקוועטשט אין די אקסלען ארײַן. ווער וועט גלייבן, אז אָט די באָרד איז פון רויטקײַט דערגאנגען צו אזא־אָ גרויקײַט?

אין קרומע באלטער הינטערגאסן האָבן גאנעקעס אָנגעהויבן לע-בעדיק שושקען זיך. מיט פלעשער ווײַן אין די הענט גייען אום אפן יאריד גאסן-יונגען און קוועטשן פארדעכטיק די הארטע דלאָ-ניעס בא פראָסטע מאָלדאווישע פויערן. אינמיטן דאָנערשטיק באווײַזט זיך אפן מארק א צעשויבערט גאלעכל מיט אן אופגעהויבענער איקאָ-נע. ערגעץ צעבראזגעט זיך א שויב מיט א קוויטש. מארק-שטעלעכ-לעך פליִען אינדערלופטן ווי אופגעריסענע פון אינווייניק, שיקערע ראָצכים און דעמבענע וואָגן-דרענגלעך. שרעק פארקרימט און צע-בלאָזט יידישע בערד. ראטעווען זיך! ראטעווען זיך!..

דערנאָך זײַנען אָנגעקומען שטילע, שווערע טעג...

אין דער דעמאָלטיקער זודיקער שטילקײַט האָט נאָך כײַע-דאָבע, אײַנגעהילט אין טערקישן שאל אירן, געשפאנט מיט פרומע זיכערע טריטעלעך, און עסטער-גיטל — די שווארצע צעפ אפן קאָפּ פארדרייט, א צעוואקסענע, א גלײַכע, מיט א מאט שמאָל פאָנעם — האָט איר נאָכגעטראָגן ס׳אָנגעשוואָלענע מארק-קוישל אירס. דאָס קאלע־מיידל עסטער-גיטל האָט אזוי דעם טאטנס פראָצענט אויסגעצאָלט...

אין יענעם זומער, ווען איבער אלע שטעט פון דער רוסישער ערד דער גרויסער האָבן זיך טרויעריק-פלוצעם, קופערן-פארבענקט צעקלונגען אלע קלויסטער-גלעקער, איז דער אלטער אווּרעמל גע-בליבן ליגן מיט אן אָנגעצונדענער לונג ערגעץ אין א פרעמדן בע-סאראבער פלוימען-סאָד.

מענטשן האָבן מיט פינצטערע פּנימער געלייענט די מילכאָמע-מוידאָעס אף די ווענט און זײַנען אוועק צום לעצטן מאָל ווײַב און קינד א קוש טאָן.

די קרענק האָט אווּרעמל באלטער ארונטערגערוקט צוויי הויכע קוליעס אונטער די אָרעמס.

שפּעטער, ווען כײַע-דאָבע די פראָצענטניטשקע האָט א דער-שראָקענע באהאלטן דעם איסקע-בוך אונטערן טערקישן שאל און מיט קעצישע, געהיטע טריט ארופגעדראפּעט זיך אפן בוידעם ארופ און אים דאָרט פארשטעקט אונטער א פארסאזשעטער סטריכע—שא, שטיל, זי האָט קיינמאָל קיין לעבנס ניט פארקירצט—איז שוין דעמלט אווּרעמל ניט געווען צווישן די לעבעדיקע.

קאָטאָווסקיס רויטע קאַוואַלעריע איז אָנגעריטן פון די וועלדער צום דניעסטער-צו, קיין רומעניע זײַנען דורך די באלטער גאסן אָפּגעטראָטן די לעצטע רעשטלעך פון די צעקלאפּטע פּעטליורישע מאכנעס. אין שטאָט האָט שוין אָפּגעקלונגען דאָס ווידערקאָל פון אָנקומענדיקן געזאנג. מענטשן זײַנען פון די קעלערס ארויס. מיט א צעשמייכלטער ווײַסער באָרד האָט זיך דער האלב פאראליזירטער אווּ-רעמל צוגעשלעפּט צום טויער.

א פּעטליורישער אָפיצער האָט צום לעצטן מאָל באוויזן זײַן העלדישקײַט...

עסטער-גיטעס מאמע איז געווען קליין און אײַנגעשרומפּן ווי א קינד, צעקאָרטשעט און געל, גלײַך מע וואָלט זי מיט ליים ארום-געקנאָטן. מ׳האָט שפּעטער דערציילט, אז זי האָט דעמלט אפ די קינדערשע אקסל אירע א כאפּ געטאָן דעם צעהאַקטן אווּרעמלען און

אָנגעהויבנ לויפנ מיט אים — מ'האָט געמיינט, זי איז פונ זינענ אראָפ. דערנאָכ האָט זי אים לאנגזאמ אראָפגעלייגט אפ דער ערד. מענטשנ האָבנ זיכ אופגעזאמלט — די גאנצע שטאָט; אונ זי האָט אָנ אופהער געקושט דאָס צעקרימטע, פארבלוטיקטע פּאָנעמ זיינס:

— אוורעמל, אוורעמל... ליכטיקער אוורעמל... זײַ א גיבער אונ גיס קיינ טרערנ ניט, — האָט דאָס ליימיקע מענטשל מעשונעדיק צעכליפעט זיכ אונ כליפענ אופגעהערט ערשט אינ א וואָכ ארומ נאָכ די שיווע-טעג.

עסטער-גיטל איז שיווע געזעסנ מיט דער קליינער פאניעלענ בא דער ברוסט. דאָס קינד האָט פאריכנ די אייגלעכ איבערנ אייגענעמ קעפל אריבער אונ, ווי ס'וואָלט פארשטאנענ, פארקוקט זיכ אפ דער באָבעס טרערנ. בארעכ, עסטער-גיטלס מאנ, האָט אומגעשפאנט היננ אונ צוריק איבערנ צימער. אַז דער האנט זעט ער אויס באנומענ, פארשמאָלט, ווי איבערגעשניטנ אפ האלב. „גיב אהער, לאָמיר זי ניט אופציענ צווישנ געווייגענ!" איז ער מיטנ קינד ארויס אינ דרויסנ ארויס, אוועקגעזעצט זיכ אפ א פריזבע, געקוקט אינ רויטנ זונ-פארגאנג אונ געטראכט וועגנ אלטנ אוורעמלענ, וועגנ טויט, וועגנ דעמ, אז א מענטש קאָנ אינ איינע דרײַ יאָר ליגנ אינ די ברוסילאָווער אָקאָפּעס, אי איבערלאָזנ א האנט ערגעצ אינ א פרעמד גאליציאנער שטעטל, אי כאסענע האָבנ, אי דורכציטערנ די פרייד פונ אנ אייגענער ניי-געבוירענער טאָכטער.

וועגנ מילכאָמע-געשעעניש האָט בערעכ פיינט געהאט צו ריידנ. ס'איז איר געקומענ, ס'איז איר ניט געקומענ — ער האָט דער מילכאָמע אָפגעגעבנ אירס, איינמאָל צעכעזשבנט זיכ מיט איר — איז גענעדיקט. דאָס גוטע פּאָנעמ זיינס האָט זיכ נאָר א ביסל פארשפיציקט. ביט עסטער-גיטלענ איז צו אימ די געוועזענע קיילעכיקע גוטסקייט צוריקגעקומענ. דאָס ערשטע קינד זייערס האָט זיי געבראכט א געפיל, אז איינ האנט איז קיינ גרויסער אומגליק ניט, ס'צווייטע קינד — אז די האנט האָט מענ אימ קיינמאָל גאָר ניט אָפגעשניטנ.

ביידע קינדער — צוויי מיידעלעך: עסטער-גיטלס פארטראכטע שווארצע אויגן, באַרעכס געזונטקייט און קײַלעכדיקייט.

באַרעך פלעג די קינדער אַרופזעצן אפן קאָפּ און האַנאַ האָבן מיט איין האנט ביידע צוצוהאלטן זיי: די צווייטע איז אין גאס אראָפּ... אין דער ריי... ברויט באקומען, כא-כא!...

ער האָט אומגליק אין שפיל פארוואנדלט: דער ליידיקער ארבל — א הויכער ציגלדיקער קוימען; אין אָנגעבלאָזענע באקן פאטשט מא-ניעלע א מאָטאָר אויס; פאניעלע שקראבעט מיט די פיס, סאָפּעט, פירט אין זאוואָד אריין וואגאָנעס, אָנגעלאָדענע מיט קאלך, ברעטער, אײַזנס. עסטער-גיטל פלעג שטיין בלײַבן אפ דער שוועל א פאר-שיקערטע. טו—טו—ו—ו! דער ארבל כײַפּט ווי א שיף. אפן טאטנס רוקן שווימען די קינדער איבער ברייטע, בלויע יאמען.

עסטער-גיטל האָט ליב געהאט דעם מאן מיט א שטילער פארשי-קערטער יידישער ליבשאפט.

אין די אָקטיאבער-פײַערונגען פלעגן מאן-און-ווײַב ארויסשפא-צירן צום באלטער פארפוצטן קאָטאָווסקי-פלאץ. פארפלאָכטן מיט רויטע שלייפלעך אין די שווארצע האָר, איין הייך, אלציינע פארביקע קליי-דעלעך העכער די קני — האָבן פאניעלע און מאניעלע ביידע מארשירט מיט איין פאָן אין דער האנט, ווי א צווילינג. די קינדער האָבן איינס ס׳אנדערע אומעטום דעריאָגט און איבערגעיאָגט. אין קלאס אפ איין באנק הייבן זיך אין איין צײַט צוויי הענטלעך; איין קעלעכל קלינגט דאָס צווייטע איבער. פלעגן באַרעך און עסטער-גיטל רײַסן די העל-דזער איבערן אוילעם אריבער צו די מארשירנדיקע קאָלאָנעס. טא-טע-מאמע שפיגלען זיך פונדערווײַטנס אין די קינדערס כיינען, ציטערן דורך דעם אָקטיאבער-יאָמטעוו אפ אן אייגענעם באזונדערן אויפן.

א צײַט איז דעמלט געווען א פריילעכע, נאָר ניט קיין גרינגע. דאָס לאנד האָט מען געבויט און סאָציאליסטיש אָרגאניזירט. הינטנ-ארומער האָבן סאָנים אומגעוואָרפן אופגעבויטס און אָרגאניזירטס —

פארפלאָנטערט. אפ יעדנס רוקנ איז אויסגעפאלנ א כיילעק פונ די גרויסע פארמעסטנ אונ די שווערע געראנגלענ.

ס׳לעבנ לויפט אָבער, ווי אינ א מײַסע.

ביז מ׳האָט זיכ גוט ארומגעקוקט, האָבנ פאניעלע אונ מאניעלע איבערגעוואקסנ טאטע-מאמע.

אינ די אפדערנאכטנ נעמט זיכ צונויפ א פולע שטוב מיט כאווערטעס. געזאנג פלעכט זיכ מיט געלעכטער דורכ. פלוצעמ רײַסט זיכ דאָס געזאנג איבער. אינ שטוב גייט אופ א בענקשאפט. מיידלעכ טוליענ זיכ איינע צו דער אנדערער אונ שטילערהייט, פארטראכט, כאָלעמט זיכ אויס שפעטערדיק גליק אינ ליכטיקע אוניווערסיטעטנ ערגעצ אינ גרויסע סאָוועטישע שטעט. נאָכ א יאָר, נאָכ א יאָר וועט, הייסט עס, סײַוויסײַ אויסקומענ מיט די קינדער צו שיידנ זיכ: פונ שכיינים אונ פרײַנט, וואָס זײַנענ מיט א צײַט צוריק אוועק אפ ערד הינטער אָדעס, קיינ קרימ, אינ דער באלטער סוויווע, קומענ אָנ פריילעכע בריוו. פונ די בריוו שמעקט מיט זאטקײַט אונ צופרידנקײַט. האָבנ באָרעכ אונ עסטער-גיטל אינ א פריילינגדיקנ קאיאָר צונויפגעפאקט זייער שטאָטישע באלעבאטישקײַט.

דער ייִדיש-מאָלדאווישער קאָלווירט, צווישנ באלטע אונ אָדעס, איז געווענ באצירט מיט גרינע ווײַנגערטנער. א גאס מיט נײַע, אלציינע, שטיינערנע הײַזער. ברויט-שפײַכלערס, פערמעס, שטאלנ, פעלדער, א פיש-באסיינ ציטערט קעגנ ווינט מיט זילבערנע כוואליעס. באָרעכנ האָט מענ איבערגעגעבנ די כאזיירימ-פערמע. עסטער-גיטל האָט געמאָלקנ קאָלווירטישע בעהיימעס.

אינ די זומער-קאניקולנ קומענ די קינדער אהיימ ווי אפ א דאטשע. ביידע שוועסטער האָבנ זיכ גרויסערהייט צעטיילט: מאניע איז פארליבט אינ פעדאגאָגיק, פאניע וועט בויענ שיפנ אונ זיי איבערנ ווײַטנ פארטראכטנ אָדעסער יאמ אוועקלאָזנ. באָרעכ קעמט די כאזיירימ אונ רעדט צו זיי מיט א מענטשלעכנ ייִדישנ לאָשנ. בא עסטער-גיטלענ פלעגט די מילכ אויסקלינגענ א ניגנ אינ מעלקשעפל. כאפט

מאניעלע א ראַזעווע כאַזערל אַפּ די הענט, כּיינדלט זיך דערצו און דרייט עס דערנאָך אָן די אויערן. פאַניע קוקט אין פיש-באַסיין און זעט, ווי גרויסע פאַרביקע שיפן, פאַרפּוצטע אין סאַוועטישע פאָנען, גליטשן זיך איבער זילבערנע שפּיגלען און פירן צו א שיינע פאַר-ביק לעבן.

איז אָנגעלאָפן יענער שוואַרצער יונג-זונטיק...

אין עסטער-גיטעס זיקאָרן איז באָרעך פאַרבליבן אָט אַזעלכער, ווי ער האָט אויסגעזען אין יענעם נייעם ערשטן מילכאָמע-טאָג. מענטשן האָט די בסורע הענט-און-פיס אונטערגעהאַקט. באָרעך איז באַם ראַדיאָ-טעלער געזעסן א רויקער. מיט דער איינער האַנט זיינער האָט ער פאַרדרייט א ציגאַר און מיטאַמאָל אָנגעהויבן דערציילן מיל-כאָמע-עפּיזאָדן. דערנאָך האָט ער געשטעלט א פּאָר שווערע טריט אי-בערן צימער און צווישן די ציין אַרויסגעבורמעט א מיעס זידלוואָרט. ס׳פּאָנעם זיינס האָט די אמאָליקע פאַרשפּיצטקייט באַקומען.

די קינדער זיינען שוין דעמלט פון א פּאָר טעג געווען אין דער היים, אַפּ קאַניקול.

איבערן דאָרף, קיין אָדעס-צו, האָבן זיך געררוקט פרעמדע שווע-רע באָמבאַרדירער. פאַרזשמורעטע אויגן רייסן זיך צום הימל אַרויף. מיידלשע הערצער לעבן איבער פאַר דער שיינער אָדעס. אין באָרעכס וואָנצעס איז געשטאַנען א רויקער שמייכל:

— א מייסע ניט אַפּ קיין איין טאָג, ווייזט אויס, האָ?

דער דינער שמייכל איז צו גראָבן באַסאָוון געלעכטער דערגאַנ-גען:

— אונדז וויל ער גויוער זיין?.. כאָ-כאָ... נו, נו, ס׳וועט זיין גוט, עסטער-גיטע!..

און אין עטלעכע טעג אַרום, אַז די לאַגע אַפּ די פראָנטן איז קלאָר געוואָרן, האָט זיך באָרעך אין שטוב אַריינגעיאַוועט, אָנגעשטופּט אין א זאַק דעם ווינטערדיקן פעלץ זיינעם, צעקושט זיך מיט עסטער-גיטען, מיט די קינדער.

— א מענטש, אז ער טוויערט, עסטער-גיטע, — האָט ער א כאַפּ געטאָן דעם זאַק אָפּ די פּלייצעס, — פאַרליוט ער צוויי מאָל: אַי ער איז טרויעריק, אַי ער איז ניט גערעכט!.. ביטאָכן, ווייַב מייַנס, ביטאָכן, קינדער!..

און מיט א סווישטשענדיקער בייַטש אין דער האַנט האָט ער דערנאָך אַרויסגעטריבן די כאַזײרים-פֿערמע אַפֿן שליאַכ, וואָס דרייט זיך דורך די אוקראַיִנישע סטעפּעס, איבערן בוג אַריבער, ערגעץ צום דניעפּער.

די ווייַסע שטיינערנע הײַזער אין קאָלווירט האָט מען אָפּגעשמירט מיט א גרויער ערד-פאַרב. אין די דאָרפֿישע ליקן האָבן זיך באַוויזן בעסאַראַבער פורן, אָנגעשטאָפּטע מיט קויטיק בעטגעוואַנט, צעטריענטע קאָלדרעס, נישט פֿאַרבונדענע פעק, טעפּ, שוואַרצע פאַרזשאַווערטע עמערס. נאָך די פורלעך האָבן נאָכגעמעקעט קליינשטעטלדיקע מידע ציגן. מענטשן זײַנען געזעסן אינדערלויפטן פאַרשלאָפענע, אומגעוואַשענע, דערשראָקענע, טרויעריקע. זיי האָבן אָנגעבראַכט די ערשטע בשורעס פון די פאַשיסטישע רעציכעס, פון מויל צו מויל האָט אָנגעהויבן אומגיין א נײַ וואָרט „עוואַקואַציע", אוטילעריע האָט באַנאַכט די שטילקייט אופגעריסן. מענטשן זײַנען דורכגעגאַנגען דאָס דאָרף צופוס.

עסטער-גיטע וועט זיך אייביק ניט מויכל זײַן איר דעמלטיקע קאַלטקייט: זי האָט די קינדער געדאַרפט באַפעלן אָפּפאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן. עפּשער צווישן די גליקלעכע כאַווערטעס וואָלט אָפּ זיי דאָס אומגליק קיין שליטע ניט געהאַט. האָט פאַניעלע איר די האָר געגלעט: „פריִער דיך פאַרזאָרגן, מאַמעטשקע!" „אין א ווײַטן רויִקן ווינקל דעם טאַטן אָפּזוכן!" — האָט מאַניעלע איר דאָס צעקאַרבטע פּאָנעם אויסגעקושט. און זי האָט געשוויגן. זי האָט די אויגן פאַרמאַכט, און ס'איז איר גוט געווען. פאַר אַזעלכע ריגעס איז זי געווען גרייט א גאַנץ לעבן אָפּצוגעבן. נאָר סײַוויסײַ, ווער ווייסט? נאַרישע ייִדענע. אומגליק האָט דאָך דעמלט אָפּ אַלע וועגן געיאָגט...

דער קאָלווירט זייערער איז אוועק אפנ זעלבנ שליאכ, ווי מיט א וואָכ צוריק האָט באָרעכ די כאזיירימ ארויסגעטריבנ.

אפנ שליאכ איז געווענ ענג אונ דושנע. וויפל דאָס אויג כאפט, זײַנענ געפאָרנ אונ געגאנגענ מענטשנ. טראקטאָרס אונ קאָמבײַנענ האָבנ געטשאדעט אונ געזשומעט. צעשויבערטע ארמייִשע גרופּעס, צעלעכערטע טאנקענ רוקנ זיכ אָפּ פונ די ערשטע פראָנט-ליניעס אינ טיפ ארײַנ. איבער די קעפּ — אעראָפּלאנענ מיט שווארצע האקנ-קרייצנ אפּ די בײַכער. עסטער-גיטע פילט נאָכ הײַנט, ווי דאָס הארצ האָט איר דעמלט געפרעסט, גערעדט צו איר, אָנגעזאָגט אומגליק... איבערנ שליאכ — פערד מיט פארשטארטע פיס ארופ, בעהיימעס, אופגעריסענע כאזיירימ. באָרעכ לעבט נאָכ? ס'איז איר קאלט געווענ. זי האָט זיכ אײַנגעטוליעט אינ די קינדער, ווי אינ ווייכער ווארעמער וואטע, מאניעלע האָט איר די האָר געגלעט, פאניעלע האָט איר דאָס צעקארבטע פארגעלטע פּאָנעמ אויסגעקושט.

ווי איז געשענ דאָס אומגליק?

עסטער-גיטע געדענקט ניט: הינטער ראָסטאָוו? אינ קראסנאָדאר? קראסנאָדאר בינדט זיכ גאָר בא איר דערמיט, וואָס באלטער האָבנ דאָרט באגעגנט באָרעכנ. אינ גערטנדל, לעבנ וואָקזאל, האָט ער זיכ אומגעדרייט א פארוואקסענער אונ ארומגעזוכט צווישנ די עוואקוירטע...

דורכ ראָסטאָוו אפנ דאָנ האָבנ הונדערטער עשעלאָנענ איבערגעפירט די פארגוואלדיקטע אוקראַינע קיינ קאווקאז, אפּ סטאלינגראד, צומ אוראל. שטעטלעכ, זאוואָדנ, קינדער-היימענ טראָגנ זיכ אפּ טויזנטער קילאָמעטער איבער. אפּ די וואָקזאלנ האָט געשווינדלט אינ די אויגנ. די וואגאָנענ איבערגעפולט. מענטשנ זײַנענ געזעסנ אפּ צעשרויפטע זאוואָדישע טיילנ, אפּ אָפענע פלאטפאָרמעס. די קאָלווירטישע פור האָט עסטער-גיטע אָפּגעגעבנ נאָכ פארנ דניעפּער. זוכנ באָרעכנ? זוכ א זאמד אינ א יאמ. מיטנ עשעלאָנ זײַנענ זיי דערנאָכ אָפּגעפאָרנ אינדרײַענ איינ מעסלעס. דאָס איז אפּאָנעמ געשענ הינטער ראָסטאָוו, אפנ באטײַסקער גרויסנ עוואקפּונקט.

ווי אפצולאָכעס האָבנ די קינדער אינ יענעמ טאָג אויסגעזענ שענער, ווי טאָמיד. מאניעטשקע האָט געבראכט טאלאָנענ אפ ברויט אונ אפ מיטיק. פאניעטשקע איז אוועק אינ עוואקאָפונקט בריוו איבערקוקנ. אינ ביידע זײַטנ עשעלאָנ האָבנ מענטשנ צעלייגט פײַערנ אונ טעפ געוואַרעמט. די קינדער זײַנענ דערנאָכ געבליבנ ריינ מאכנ דעמ וואגאָנ. זי איז דורכגעגאנגענ דעמ וואָקזאל אונ מיט די טאלאָנענ זיכ אינ דער ריי געשטעלט.

איינמאָל אינ איר לעבנ האָט עסטער-גיטע געהערט אזוי וויינענ לאָקאָמאָטיוונ.

מענטשנ מיט פולע קיילימ אינ די הענט האָבנ געטראָטנ איינער איבערנ אנדערנ. פונ דער ריי איז איינ פלאָנטער געוואָרנ, אונ דער פלאָנטער האָט זיכ א וויג געטאָנ רעכטס, א וויג געטאָנ לינקס, איז אפ די קני געפאלנ, צעקראָכנ זיכ אונ מיט די נעגל די ערד געגראבלט. זעניטקעס דונערנ אופ טרוקנ, קורצ, אָנ א ווידערקאָל. אינ גאָרטנ הינטערנ עוואקאָפונקט האָבנ פרויענ ארומגענומענ זיכ מיט ביימער. לאָקאָמאָטיוויש ברומענ מישט זיכ ערגעצ דורכ מיט ווילדע מענטשלעכע אנגסט-קוויטשנ. קוילנווארפער שטעפנ. די ערד ציטערט אופ.

עסטער-גיטע לויפט א צעכראסטעטע. די שווארצע צעפ אירע זײַנענ צעפלאָכטנ אונ צעשויבערט. ס'שאלעכל פונ קאָפ — אפ די אקסל אראָפגערוקט, צווישנ פארקלעמטע ציינ — די טאלאָנענ. א רויכיקע הארבקײַט לויפט איר אנטקעגנ. ערגעצ לעשט מענ ברענענדיקע וואגאָנעס. דורכנ בריקל שווינדלט דורכ א מאשינ מיט רויטע ציילעמס אפ די פענצטער. אפ א טראָג-בעטל קרעכצט א פארבלוטיקטער בלאָנדער קאָפ. עסטער-גיטענ ברעכנ זיכ די קני אונטער. זי לויפט אונ פאלט איבער באנ-רעלסנ. זי איז הייזעריק. די טאלאָנענ גליטשנ זיכ איר פונ די ציינ ארויס.

— מאניעלע!.. פאניעלע!..

מענטשנ שפריצנ וואסער אפ רויכנדיקע, פארסמאליעטע פעק. א

פֿרוי מיט א קינד אפֿ די הענט רײַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ. אָט איז דאָך, דאכט זיך, דער עשעלאָן. מע רוקט אים אפֿ א זײַטיקער ליניע איבער. פֿאַרוואָס איז ער אַזוי קורץ געוואָרן? וווּ איז דער וואגאָן זײערער? עסטער-גיטע לויפֿט דעם עשעלאָן אנטקעגן און הערט איר אייגן קאָל ניט:

— קינדער, קינדער, וווּ זײַט איר?.. רופֿט אײַך אָפּ!..

צוויי פֿרויען האָבן דערנאָך עסטער-גיטען געפֿירט אונטערן אָרעם. אפֿן וואָקזאל, אין מעדיצינישן פּונקט ליגן די טויטע, איבערגעדעקט מיט א ווײַסן לײַלעך. פֿאַרוווּנדעטע בעטן א טרונק. מאמעס דראפּען זיך די פֿענצטער. עסטער-גיטע דערזעט מאַניעלעס כיינעוודיק פּאָנעם, זי ליגט — ווי זי שלאָפֿט. א מענטש אין א כאלאט ציט אראָפּ די בלוזקע פֿון איר לײַב, און זי זאָגט גאָרניט ניט, שעמט זיך מער ניט.

— דורכגעלעכערט ווי א זיפּ!.. בעסטיעס!.. — זידלט זיך דער מענטש אינעם ווײַסן כאלאט.

נאָר עסטער־גיטע האָט שוין זײַנע רייד ניט געהערט.

עמעצער האָט דאָס לײַלעך אָפּגעדעקט. פֿאַניע ליגט מיט א צעהאַקטן פֿאַרבלאָטיקטן שאַרבן, ס׳פּאָנעם אירס איז בלאָ און פֿאַרקרימט. די האָר פֿאַרבלוטיקט, קלעפּיק, ס׳קליידל איבער די קני פֿאַרוקט.

נאָר עסטער-גיטע האָט שוין פֿאַניען ניט געזען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דורך וויפֿל וואָקזאַלן עוואקאָפּונקטן איז עסטער-גיטע נאָך דורכגעגאַנגען? וויפֿל וואָקזאַלן איז נאָך עסטער-גיטע דורכגעפֿאָרן? פֿרעגט זי, וויאַזוי זי איז אין קישלאַק געקומען — ווייסט זי ניט.

מע דערציילט:

שפּעט אין אָסיען איז אפֿ אן אוזבעקישער פֿור אָנגעפֿאָרן א פֿאַרגעלט טרויעריק ווײַבל מיט צוויי גרויע פֿאַרדרייטע צעפּ אפֿן קאָפּ. ס׳האָט געשפּריצט א דריבנע רעגנדל. די פֿור איז שטיין געבליבן לעבן וואַ־

סער-גרוב. די נאַסע שטילקייט אין קישלאַק האָט, ווײַזט אויס, דער-מאָנט א בעסוילעם. די קיביטקעס — קוואָרים-שטיבלעך. „צו די קינדער אפּ קייוועראָוועס געקומענ!״ — איז דאָס ווײַבל אראָפּ פונעם וואָגנ און צעכליפּעט זיך מיט א ניגנ. דערנאָך האָט זי דאָס געוויינ איבער-געריסנ. פונ די טרערנ זײַנענ די אויגנ אירע גרויס און לויטער גע-וואָרנ. זי האָט די טרערנ פארשלוקערצט מיט געלעכטער:

— א מענטש, אז ער טרויערט, פארליִרט ער צוויי מאָל: אי ער טרויערט, אי ער איז ניט געטרייסט! כא-כא!.. כא-כא!..

דער אוזבעקישער ארבאַקעש האָט געצויגנ מיט די אקסל.

עוואקוירטע האָבנ עסטער-גיטענ אופגענומענ מיט פארבראָכענע הענט.

* * *

...אפנ בערגל, לעבנ אוזבעקישנ בעסוילעם, נישט ווײַט פונ דער אויפעס-פערמע הויקערט זיך עסטער-גיטעס קיביטקע.

איבער א קרומ פענצטער הענגט א ווײַס אויסגעפּרעסט פּידהענגל. אנ אָפּגעשמירטע גלאטע ערד זעט זיך אָנ. א זעקל מעל אינ א ווינקל. אינ זעקל מעל איז אָנגעשפּארט א מולטער.

פארטאָג הענגט עסטער-גיטע אופ א שלאָס אפּ דער קיביטקע און שפּאנט אפנ סטעפּ אוועק. דער וועג איז מידבערדיק זאמדיק. די טוווע אינ סטעפּ — פארוואקסנ מיט שטעכלקעס.

פארנאכט קומט די ערשטע אהיימ די קישלאַקישע טשערעדע. קי שפּאנענ שווער, טריט בא טריט. ציגנ מאכנ שפּרינגענדיקע קאָזשע-ליקעס איבער די קעפּ.

עסטער-גיטע איז מיד און פארשטויבט. זי קוקט נאָך די פּולע קי-אײַטערס און זעט דעמ ייִדיש-מאָלדאווישנ קאָלווירט צווישנ באלטע און אָדעס. באָרעכ לעבט? אוואדע לעבט ער!.. ער וועט אָנקומענ מיטנ כאדזשי-מושקענטער שאָסיי-וועג. „דאָ וווינט עסטער-גיטע פונ באלטע?״

ער וועט אַרײַנקוקן אין פּאַ האַנגענעם פֿענצטערל און זיך אוועקזעצן וואַרטן אָפּ דער פּריזבע.

דער קישלאַק דערנעענטערט זיך. עסטער־גיטע קוקט צום „ייִדישן געסל" און הערט, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט איר.

אָפּן בערגל דערזעט זי די ייִדענע מיט די שפּיזלען אין די האָר, די ברילן זײַנען איר פּאַרוקט איבערן שטערן, דער זאָק — אונטערן אָרעם פֿאַרשטעקט. פֿון אַ געקאָרטשעטער האַנט ווערט אַ צעבויגן דעכל איבער די אויגן: שאַ נאַר, דאַכט זיך מע גייט שוין פֿון דער אַרבעט גייט מען. פֿונעם בערגל אַראָפּ טראָגט זי אַנטקעגן דעם אוילעם גוטע בסורעס. גוטע בסורעס, וואָס אַ פֿרעמדער מענטש האָט הײַנט געבראַכט. נישט קיין נאַרישער ייִד, דער פֿרעמדער, נישט קיין נאַרישער ייִד. אײַ, אײַ, אַ האַנט נעבעך פֿעלט אים!..

עסטער־גיטעס ווערט שווער דער קאָפּ אָפּ די אַקסל. די ליפּן — ווי די באַקן: איין געקאָרטשעט שטיק בלייכקײַט, ס'געשריי איר קומט אַרויס צעהאַקט און צעציטערט:

— ווײַ איז מיר — באָרעכו!.. וואָס האָט ער געזאָגט? ווו איז ער געגאַנגען?

דער גרויער ייִדענע בײַסט אין קאָפּ. וואָס זאָל זי ענטפֿערן? פֿאַר־לייקענען איז, דאַכט זיך, מער זינד:

— וואָסער באָרעכו?.. אַ מענטש פֿונעם פֿראָנט!.. גרינע מאַלבושים!..

ווײַבער מיט סערפּן אין די הענט רעדלען זי אַרום ווי בײַ אַ טאַנץ:

— פּאָרט: וואָס האָט ער געזאָגט, וווהין איז ער געגאַנגען, וויאַזוי זעט ער אויס?..

— אַ געוויינלעכער מענטש זעט ער אויס!.. וואָס ער האָט געזאָגט? „אונדז וויל מען איבערקומען? מומע, ס'איז גוט," — האָט ער געזאָגט.

— מענטשן, ס'איז ער!.. זײַנע רייד!.. העלפֿט מיר אים אַ זוך טאָן, מענטשן!

די ייִדענע מיט די פּאַרוקטע ברילן שווײַגט, ס'איז, דאַכט זיך,

מערער זינד יענעמס א זײַטנ כאָלעמ צו שטערנ. א פינגער אירער ווײַזט אָנ אפ א שמאָלער פּארוואקסענער סטעזשקע.

א בלאסע קריכט די זונ דערנאָכ ארײַנ אינ די בערג. איבערנ קישלאק הייבט זיכ אָנ אראָפּלאָזנ א גרויקײַט.

אפ דער שמאָלער סטעזשקע שטעלנ צוויי פרויענ, איינע נאָכ אנדערער, ברייטע, געײַלטע טריט.

1943

3. כאווער בראָווער

די אַלטע בראָווערקע שלאָגט גוט אויס פּוטער, א באַרשט פּארוויַסט זי מיט „קאטיק“ — האָט ער אַלע טאמים. און די קיביטקע אירע, כאָטש א ליימענע, כאָטש מיט א שמאָל קליינ פּענצטערל אינ דער קרימ, איז פונדעסטוועגנ טאָמיד פול מיטנ זונ, און די ליימ אפּ די ווענט גאָלדיקט זיכ מיט א ליכטיקנ פּאָמעראנצנ־קאָליר...

דער ערשטער כמארנער טאָג אינ קישלאק. א רעגנדל שפּריצט קעגנ דער זונ מיט זיבעצנ פּארבנ.

אינ דער היימ איז שוינ עט-עט, נאָכ די סוקעס-טעג, נאָכנ אָק־טיאבער-יאָמטעוו. גרינגע שנייעלעכ פאלנ אונ צעגייענ, א גאנצנ טאָג אזוי, פאלנ אונ צעגייענ. איבער נאכט קנייטשט דער פראָסט אויס געמעלנ אינ די בלאָטעס. די קינדער קערנ זיכ שוינ גליטשנ אינ דער היימ.

דאָ װעלנ נאָכ זײַנ א סאכ װארעמע טעג. אינ אוזבעקיסטאנ איז דעמ זומערס לאנגער עק פרילינגדיק, ערעװ פײסעכדיק. די זונ איז דאָ א גרױסע אונ א נידעריקע.

שטיקער כמארעס רוקנ זיכ אלעמאָל דורכ דער זונ אונ פארטונקלענ זי. עס שװינדלט אינ די אױגנ.

די אלטע בראָװעװקע איז ארײַנ אינ א פּאָר גרױסע מאנצבלשע שטיװל. אונטער א שפּיציקנ קינ קרײצנ זיכ איבער צװײ קורצע פּאטשײלע-עקנ. זי איז שטארק פּאראשט. ס׳קלײד אירס האָט זי אפּאָ-נעמ פּארגארטלט אונטערנ קאָפּטל אינ גרױס אײַלעניש: אונטנ טעלע-בענדעט זיכ נאָכ א לאנגער שלעפּ, אונ פּאָרנט — איז דאָס קלײד פּארקירצט װי בא א מעובערעסדיקער. מיט א שטריק אינ דער האנט, געהױקערט, פּארקאָרטשעט, שטעלט זי ברײטע גיכע שפּאנ. די באָ-בעצע איז ארױס פונ דעמ קינדער-מײַסעלע אונ גײט צונױפקלױבנ „אוטינ” אפּ אוזבעקישע סטעפּעס. באלד װעט זי צוריק שפּאנענ מיט א בונט שטעכלקעס אפּ די פּלײצעס. די קיביטקע װעט זי טרעפּנ אופּגעריגלט, צעפּראלט. ס׳בערעלע איז דאָ צוגאסט געװענ? װאָס דערצײלט יינגערל-פינגערל אינ פּלעשל? װיאזױ האָט אָט דער גראָבער בער אירע קלוגע אײניקלעכ פּארנארט?..

דער בראָװערקעס אלע דרײַ אײניקלעכ זײַנענ אָבער העט פריער, גאנצ פרי נאָכ, אװעק אינ קינדערגאָרטנ.

א קישלאק איז פּאָרט א קישלאק.

די פּארװאלטערנ פונעמ קינדערגאָרטנ, די „לײטענאנטקע”, אָנ-געטאָנ אינ א װאטניק, פּארװיקלט מיט א שאלעכל, מיט צװײ שפּי-ציקע קאלאָשנ אפּ די פיס, טראָגט א זאק פּראָדוקטנ אפּ די פּלײצעס, אונ אלע קינדער, דער גאנצער קינדערגאָרטנ, שפּאנענ נאָכ פונ הינטנ, װער מיט א טאָפּ אינ די הענט, װער מיט אנ אוזבעקישנ קילעמ אי-בערנ רוקנ, װער מיט א זיפּל, װער אָנגעטאָנ א שיסל אפּנ קאָפּ — דער קינדערגאָרטנ פּאָרט, הײסט עס, איבער אינ א װינטערדיקער װארעמער קיביטקע. די קינדער שרײַענ, קװיטשענ. דער בראָװערקעס

עלטסט אײניקל, איזי, אינ א רויטער פּארוקטער טיובעטײקע, וואַרפט גײענדיק שטײנער פונעם בארג-אראָפּ אפ יונגע שפּרינגענדיקע ציגלעכ אינ טאָל. אז ער טרעפט ניט, קוויטשעט ער אויס אפ א דינ קלינגענדיק קעלכל גראָבע אוזבעקישע זידלווערטער. די „לײטענאנטקע“ שטעלט אראָפּ דעמ זאק פונ די פּלײצעס.

— פּע, איזיק! — שרײַט זי, — הער אופ!.. כ'וועל דערצײלנ דעמ פּאפּענ, איזיק!..

איזי לאכט. ער צילט א שטײנ גלײַכ א ציג אינ די הערנערלעכ ארײַנ.

— ווו וועט איר דערצײלנ?.. ווענ וועט איר דערצײלנ?..

— כ'על דערצײלנ... וואָסי, מע קענ ניט? נאָכ דער מילכאָמע וועל איכ דערצײלנ!..

— וואָס וועט איר דערצײלנ?

— אָט דאָס-אָ... אָט די מיעסע רײד!

— כא-כא... ער וועט דענ וויסנ וואָס, דער פּאפּע? ער'ט דענ פארשטײנ אוזבעקיש?

דערפאר פארשטײט שוינ דער זײדע איזיס אוזבעקיש. טאקע נאָרוואָס האָט ער אויסגעטײַנעט זיכ מיט אנ אוזבעק. דער אוזבעק האָט אים, ווי דער שטײגער איז, פארבעטנ צו זיכ אינ געסט. האָט ער צוריק דעמ אוזבעק פארבעטנ: סעניקע — מעניקע, מעניקע — סעניקע, דיר — מיר, מיר — דיר! איצט שנײַדט ער דורכ דעמ וועג, בראָווער, אונ לאָזט זיכ אראָפּ מיטנ בערגל צומ וואסער-גרוב: די פּאָטשטאליאָנקע, מיט א הערמע בריוו אונ צײַטונגענ, האָט דאָרט דורכגעשווינדלט צווישנ די בײמער. איזיס טאטע, יאנקל, איז דעמ צווײטנ טאָג מילכאָמע אוועק אפנ פראָנט. זײ אלע האָבנ זיכ דערנאָכ אינגיכנ עוואקויִרט. ווײסט יאנקל ניט, ווו זײ זײַנענ, אונ זײ ווײסנ ניט, ווו יאנקל איז.

— פּאָטשטאליאָנקע... — גײט איצט בראָווער א פרעג טאָנ, ווי טאָמיד, ווי אלעמאָל, ווענ די פּאָטשט קומט אָנ, — האקלאל, ווענ ברענגסטו מיר שוינ די בריוו, מײַנ יאנקלס, פּאָטשטאליאָנקע?..

וויאַזוי זעט ער אויס, כאווער בראָווער?

א הויכער שמאָלער ייִד מיט א ביינערדיק געגאָלט פּאָנעם און צוויי גרויע צעשויבערטע וואָנצעס. ס'רעקל טראָגט ער אָפ די אקסל, אָפּן שפּיץ קאָפּ — א בלאָוו היטל מיט א קנעפּל. הויזן שמאָלע, העלע, שיך לייוונטענע, מיט שפּיציקע לעדערנע נעז. שוין גאָר, גאָר לאנג איז בראָווער א פּאָר יאָר געווען אין אמעריקע און דאָרט געאַרבעט אין א „שאפּ". דערפאר האָט ער כאסענע געהאט שפּעטלעך. אין אוקראַינע, באם בוג, ליגט א שטעטל, איין, א שטעטל — וואָזנעסענסק, בראָווערס שטעטל. כאווער בראָווער רופט מען אים שוין אן ערעך... הא, וויפל? ווען האָבן זיי אין וואָזנעסענסק צעהאנגען רויטע פענדלעך אפן טעלעפאָן? פונעם פינכטן יאָר ביזן צוואנציקסטן און נאָך צוויי צענדליק, שוין אן ערעך... פון אן עטלעכע דרייסיק יאָר, הייסט עס... נאָר מענטשן גלייבן אים ניט. מענטשן זאָגן, אז אין אמעריקע אין שאפּ שוויצן גאָר קרוּוויםׄ זיינע; אז די שיך מיט די געלע גלאנצנדיקע נעז זיינען נאָך פון די פּעקלעך, וואָס אָט די קרוּוויםׄ פלעגן צושיקן מיט יאָרן איבערשיקן; אז טאָמיד האָט ער גאָר געמעקלערט, בראָווער, באם וואָזנעסענסקער וואָקזאל, בא די שיפן, וואָס זיינען אראָפּגעשווומען מיטן בוג אָפּ ניקאָלייעוו, און ערשט נאָך דער רעוואָליוציע איז ער פּלוצעם, איבער נאכט, געוואָרן א טאנדעטנער שוסטער און אליין זיך א נאָמען געגעבן כאווער בראָווער. מענטשן האָבן אָבער ליב צו טרייבן רעכילעס. איז — גיי זיי א בעריע און זוך אָפּ, ווו עס שטעקט דער עמעס...

די פּאָטשטאליאָנקע איז פּארוויקלט אין א ווייסן שאל מיט פּרענדז. סאמע פּרענדז. איבער די הענט — פּרענדז, ארום האלדז — פּרענדז, ס'פּעקל בריוו — אין פּרענדז. פון אונטער די פּרענדז פּלאָנטערט זיך ארויס א גרויסער דרייעקיקער בריוו אין מיידלשע פינגער. די פּרענדז שרייען צו בראָווערן, ער זאָל שטיין בלייבן, זי לויפט דאָך אים אנטקעגן, די פּאָטשטאליאָנקע.

— כאווער בראָווער... האקלאל, נאט אייך א בריוו פון אייער יאנקלען, כאווער בראָווער!..

בראָווערנ ווערט הייס אונ קאַלט ווי בייס א מאַליאַריע-אָנפאַל. א ציטערניש באַפאַלט אים: יאָ, יאַנקלס קסאַוו!.. ס׳רעקל גליטשט זיכ אים אראָפּ פונ די אַקסל אונ פאַלט ארײַנ אינ א נעצ ארײַנ. שוינ אַזויפיל צײַט אינ פײַער, אונ ער לעבט, יאַנקל. אַוואַדע — אָבראַטני אַדרעס: פעלדפּאָסט נומער אַזויפיל אונ אַזויפיל — יאַשע בראָווער. אָנ ברילנ לייענט ער דעם ב״יוו פונדערווײַטנס. וויפל די האַנט לאָזט זיכ אויסציִענ. ס׳היטל ליגט אפנ קאָפּ ניט אײַנ. פונ דער קעלט ווערט א מעכײַעדיקע ווארעמקײַט. פונ דער ציטערניש — א שמייכלענדיקע רויִקײַט. וואָדענ, ער האָט ניט געוווסט, בראָווער? יאַנקעלע וועט זיי ניט אָפּזוכנ? הער דו!..

— אונ עפּעס נײַס, פּאָטשטאַליאָנקע?..

— אונ עפּעס נײַס, כאַווער בראָווער!.. אָפּגעטריבנ פונ סטאַלינגראַד... פּופּצנ קילאָמעטער... אײנעכטנ... קאַלאַטש אפנ דאָנ זײַט איר דורכגעפאָרנ, כאַווער בראָווער?

— יאָ, דורכגעפאָרנ, נישט דורכגעפאָרנ. אָפּגעטריבנ פונ סטאַלינגראַד? אַוואַ!..

דערנאָכ שפּאַנט ער אינ קאָנטאָר ארײַנ, בראָווער. יאַנקלס בריוו ליגט שוינ באַהאַלטנ צווישנ די פּאַפּירנ ערגעצ טיפּ אינ בוזעמ-קעשענע. די שנור זײַנע, ריווקע, אַרבעט אינ דער קאָלווירטישער קאָנטאָר פאַר אַנ אויפראַמערנ אונ באַקומט א „טאָג״ פאַר א טאָג. זי האָט א שוואַכ האַרצ, ריווקע, אונ מע דאַרפ איר וועגנ בריוו דערציילנ מיט קאָפּ, פּאַמעלעכ, מיט א באַזונדער מינ צוגרייטונג. א קלייניקײַט: אָנדערהאַלבנ יאָר, אַז זי הערט פונ אים גאָרניט, פונ יאַנקלענ. אַזעלכע אָנדערהאַלבנ יאָר, זי האָט זיכ שוינ נעבעכ מעיאַעש געווענ, דער נאַר. „שרעק זיכ ניט, ריווקעלע. קלאָמפּערשט א שטיקל גרויס אָפּגענומענ. ס׳א סוואָרע, אַז ער לעבט...״ ניינ! צו גיכ! עפּשער גאָר אָנהייבנ מיט א כאָלעמ? אינ א שפּיטאָל... יאַנקל איז פאַרווונדעט... מע מאַכט אים אַנ אָפּעראַציע אפ א פוס... פּאַמעלעכ. ניט מיטאַמאָל. „שרעק דיכ ניט, ריווקעלע!״

נאָר אינ קאָנטאָר ווייסט מענ שוינ ביידע נייַסנ. ריווע איז שוינ לאַנג אינ דער היימ. איזיקל לויפט ארומ איבערנ קישלאַק אונ שרייַט: „זיידע! זיידע!" ס'גאַנצע געסל איז בא בראָווערנ אינ שטוב. ווענ איז מענ עס אַלצ געוווירע געוואָרנ, ווענ?..

שפּעטער זיצט בראָווער א צעשפּיליעטער איבער א שיסל וואַרניטשקעס. ריווקע איז שוינ צוריקגעגאַנגענ אינ קאָנטאָר. די מענטשנ האָבנ איבערגעלאָזט אינ שטוב א שווייסיקע דושנעקייַט. אינ קאַמער קוואָקענ הינער. אַלע דרייַ אייניקלעכ זייַנענ ערגעצ אַוועק צו א שאָכנ שפּילנ זיכ. מיט א שיסל ליימ אינ די הענט איז א האַלבע בראָווערקע אַרייַנ אינ אויוונ אַרייַנ. כאָווער בראָווער שוויצט איבער די וואַרניטשקעס אונ טראַכט, אז דאָס, וואָס ער האָט זיכ פאַרגענומענ איבערצולעבנ די מילכאָמע, איז גאָרניט אַזאַ מעסוקענע זאַכ. ער פאַרלייקנט די יאָרנ, ווי א קאַלע—מויד, זאָגנ מענטשנ. אַלעמיי אוזבעקנ, ווייַסע זקיינימ, האָבנ פיצלעכ קינדער אַפ דער עלטער? אַבי מ'האָט אימ שוינ אָנגעהויבנ טוייַבנ, דעמ דייַטש. ווו ליגט עס ערגעצ דאָס קאַלאַטש אַפנ דאָנ? נישקאָשע, מ'האָט נאָר געדאַרפט א ביסל קומענ צו זיכ, נעמענ אינ די הענט אַרייַנ. ער'ט שוינ איצטער לויפנ. אוי, וועט ער לויפנ. ער זינגט זיכ צו, בראָווער. ווי בא דאָמ-צפאַרדייאַ אינ דער האַגאָדע, ציילט ער אַפ די פינגער אונ מאַכט געאָגראַפיע מיט א ניגנ:

— דאָנ, דניעפּער, בוג, — וואָזנעסענסק!..

— אַלטע בראָווערקע... — טוט ער דערנאָכ א שפּאַנ צומ פריפּעטשיק, — ס'עט פונ אימ קיינ זייכער ניט בלייַבנ, הערסט, וואָס איכ זאָג דיר!..

— א ווייטעק איז מיר. וואָס רעדסטו? פונ ווענ איז?..

— פונעמ דייַטש, יידענע, פונעמ דייַטש!..

— טפו צו דייַנ נאַר!..

קריכט די בראָווערקע ארויס פונעמ אויוונ, וואַשט אָפּ די ליימ פונ די הענט, נעמט ארויס א ווייַס פּאָרל גרעט פונעמ קאַסטנ אונ דערמאָנט בראָווערנ, אז מע הייצט הייַנט דאָס קאָלווירטישע בעדל.

אינ דרויסנ איז שוינ ווידער זומער. די כמארעס זײַנענ אוועק אינ די בערג, ס'רעגנדל האָט אופגעהערט, די בלעטער אפ דיביימער האָבנ זיכ אויסגעטריקנט, נאָר אינ באָד איז הײַנט קיינער נישטאָ. איינ מאָרדכע בעסאראבער, א נאקעטער, מיט אנ אָנגעזייפטער, שמאָל געוואָרענער באָרד, גיסט, איינס נאָכנ אנדערנ, הייסע עמערס וואסער אינ אָנגעגליטנ אויוונ ארײַנ אונ קאָנ זיכ אלצ ניט דערוואַרעמענ. די צוויי קליינע פענצטערלעכ אינ צימער שוויצנ. די פארע זעצט פונעם אויוונ ארויס אונ דעקט אלצדינג צו מיט א געדיכטער גרויקײַט. ווו זײַנענ די גליטשיקע בענק, ווו שטייט די פאס, ווו איז מאָרדכע בעסאראבער? בראָווער נאקעטע זעט אויס ווי צוויי איבערגעקרייצטע שטעקנס, אָנגעטאָנ אינ א היטל — פייגל אָפצושרעקנ. דאָס לײַב זײַנס איז איבערגעטריבנ ווײַס, בלאָלעכ, אלע ביינער זעט מענ, גלײַכ זיי וואָלטנ געווענ אָנגעשיט אינ א גלעזערנער זאכ, ניט אינ בראָווערנ. מאָרדכע גיט אָפ בראָווערנ מאזלטאָוו אונ קריכט אפ דער אייבערשטער באנק. וואסער גיסט זיכ אפנ שטיינערנעמ פאָל מיט א קלונג. דערנאָכ זייפט איינער דעמ אנדערנס פלייצע. אינ דער פארנער טונקלקײַט פלאָנטערנ זיכ צוויי שאָטנס איינער ארומ אנדערנ אונ זעענ זיכ ביידע ניט אָנ. איינ שאָטנ א הויכער מיט צוויי לאנגע שטעקנדיקע פיס. דער צווייטער — מיט א שפיציקער באָרד. פונ דער באָרד רינענ גאנצע שיסלענ וואסער ארויס. איינער רעדט ארײַנ דעמ אנדערנ אינ אויער ארײַנ, נאָר די קוילעס זייערע זײַנענ הויכע, ווײַטע, גלײַכ ווי איינער וואָלט געשטאנענ דאָ, אונ דער צווייטער ערגעצ אָפגערוקט אפ ווערסטנ. אינ דער אויסגעליידיקטער פאס ענטפערט א טויבלעכ ווידערקאָל:

— א מײַסע מיט א דײַטש, הא, כאווער בראָווער?

— מיט א פאסקודנעמ דײַטש...

— מע וועט עס אויסהאלטנ?

— מ'עט אימ איבערקומענ!..

— ווענ?

— מירן עס דערלעבנ!..

—ביידע?

— ביידע!..

— און מירן אהיים פֿאָרן?..

— פֿונוואַנען זענט איר?

— הא, וואָס פֿרעגט איר?

— פֿונוואַנען זענט איר, זאָגט איר, פֿון קישיניעוו?

— פֿון קישיניעוו!..

— דאָן, דניעפּער, בוג, דניעסטער, — קישיניעוו...

— איי, קישיניעוו!..

— איי, וואָזנעסענסק!..

די פּאַרע צעגייט זיך. ביידע אַלטע לײַט קריכן אַרײַן אין ווײַסע פּאָרלעך גרעט, פֿאַרייכערן ציגאַרן און בלײַבן זיצן מיט שווע־רע אַראָפּגעלאָזטע הענט — רויטע, צעוויקטע, מידע.

א שטילקייט צעלייגט זיך אַרום זיי.

אין שטילקייט גייט אויף א ווײַטע פֿאַרטראַכטע בענקשאַפֿט...

1943

א מאטאָנע עדיקלעג.

4. ווינטער־טעג

קורצ. שפּילעוודיק. העל. ס'איז דענ ווינטער? ס'א מײַסעלע, א קורצ, שפּילעוודיק ווינטער־מײַסעלע.

— מײַסעלע-קײַסעלע...

אונדזער קישלאק איז ארומגערינגלט מיט הויכע הויקערדיקע בערג, זײַנענ זיי גרוי איצטער אונ געקנייטשט, ווי איבערגעצויגענע מיט העל-פאנד-פעל. וואָסער פעל? לעבעדיקע העלפאנדנ האָבנ זיכ ארומגעשטעלט ארומ קישלאק, שמאָרענ מיט די לאנגע בייגלדיקע נעז זייערע אונ בלאָזנ אָנ אפּ אונדז א רויכיקע געדיכטע גרויקײַט, וואָס שלאָגט זיכ מיט דער זונ, פארדעקט די פעלדער, באהאלט דיביימער, פארשטעלט די פלויטנ, ווישט אָפּ די ליימענע קעסטלדיקע שטיבלעכ.

ווער איז שטארקער — די ליכטיקע זונ צי די נעפּלדיקע גרויקײַט? ס'ערשטע דראפּעט זיכ ארויס א לאנגער מאָגער געוואָרענער בוימ;

קרומע נידעריקע פליטלעכ קריכנ אָנ ארומ אימ; ס'טוט א שווינדל א ווינקל פונ א קיביטקע; באווײַזט זיכ דער דאָרפ-סאָוועט מיט דער אָפגעקאלכטער וואנט זײַנער; דער לאנגער טווע-שפײַכלער איז שוינ דאָ; אינ די גרויסע אמבולאטאָריע-שויבנ צעפאלט זיכ די זונ אפ צענדליקער שווינדלדיקע פײַער-שפליטערס. די בערג זײַנענ גרוי, דער הימל בלאָ, אונ די פעלדער... אינמיטנ ווינטער — גרינע פעלדער. איבער דער גרינקײַט זײַנענ שאָפ צעוואָרפנ. צווישנ די שאָפ — א הויכער פאסטעכ, אָנגעשפארט אינ א לאנגנ שטעקנ ווי בא אונדז אינ מאָלדאוויע, אינ ווײַסרוסלאנד, אינ אוקראַינע, ווי אפ די „מענטשעלעכ" אינ אלע קינדערשע אלעפבייס-ביכלעכ.

אלעקסיי דער טראקטאָריסט קומט אָנ פונ די גערטנער מיט א שטיק בוימ אפ די אקסלענ. באָרוועס קליינווארג פליעסקעט אימ טענצלדיק אנטקעגנ.

ערשט ניט לאנג, מיט א פאָר צענדליק יאָר צוריק, האָבנ אוזבעקישע מאמעס געסטראשעט מיטנ וואָרט „אורוס" שלעכטע וויינענדיקע קינדער. דער בלאָנדער טראקטאָריסט איז אזש פונ ווײַטנ קאלטנ אָמסק. פאר דער מילכאָמע, אינ דער היימ, פלעגט ער זעקס כאדאָשימ אינ יאָר ארומשפאצירנ אינ וואָליקעס אונ אינ גראָבעוואטע הויזנ. איצט דארפ דאָס לאנד א סאכ ברויט. אינ אוזבעקיסטאנ רוט דער טראקטאָר א גאנצ יאָר ניט. ער לאכט, אלעקסיי. דאָס פאָנעמ זײַנס איז אויסגעשמירט מיט שווארצנ אונ זעט אויס ווי דאָס פאָנעמ פונ א צירק-לעצ. נאָר אוזבעקיש קליינווארג שרעקט זיכ הײַנט מער ניט. זיי לויפנ דעמ אורוס אנטקעגנ אונ שרײַענ: — „דראסטיע, דראסטיע"... אונ אז אלעקסיי דרוקט דאָס שטיק בוימ ארופ אפנ האלדז-אונ-נאקנ, פארווארפט עס איבער ביידע אקסל, פלעכט עס דורכ מיט ביידע הענט אונ זעט אויס, ווי ער וואָלט געקליבנ זיכ א „קאזאטשאָק" אוועקצולאָזנ, — צעטענצלט זיכ דאָס קליינווארג. אלעקסיי איז שוינ נישטאָ, נאָר די קינדער — אינ לאנגע טשאָפאנענ, ארומגעגארטלטע מיט פאטשיילעס, באָרוועסע, אינ טיובעטייקעס — פלעכטנ אלצ דעמ טאנצ

זייערן. אין יונגע קינדערישע אייגלעך צעברענט זיך אלטער, קלוגער היסלײַוועס. פליעסקערײַ קלינגט אָפּ ערגעץ אין דער זײַט, אין די גערטנער, צווישן נאקעטע פארגעסענעביימער.

אָיסאַ! אָיסאַ!

יא טעבע נע באָיסאַ!..

ווידעראמאָל פארציט זיך אלצדינג מיט א גרויקײַט. א מינוט, צוויי, דרײַ. סאמאט, דער האָרבאטער און קארגער זאווכאָז, יאוועט זיך ארויס מיט א לאָמפּ אין די הענט: הײַנט איז אין קישלאק א פארטיי-פארזאמלונג — טאשקענט מאָנט מענטשן אפן קאנאל. ער האָט א פּאָר לאנגע קרומע הענט, סאמאט אָקאַ. אין איין האנט — דער אָנגעגאָסענער צוגעגרייטער לאָמפּ, די אנדערע — באָמבלט זיך אים הין-און-הער איבער דער קני אריבער. ער טראָגט א גרויען אָפּגעטראָגע-נעם טשאַפּאַן, וואָס האָט די פארב פון דער ערד, די פארב פון די פלויטן, די פארב פון דער גרויער זלידנער נעפלדיקײַט.

ווען אלץ ווערט ווידער אָפּגעדעקט, מיינט מען, אז פון יענער זײַט קישלאק, אפּ א שמאָלער סטעזשקע, שלענגלען זיך דורך פון די פעלדער, איינס נאָכן אנדערן, אין איין ריי, קעמלען מיט אָנגעלאָ-דענע הויקערס. נאָר פון דער נאָענט זײַנען דאָס גאָר עוואקוירטע ווײַבער, ווײַבער פונעם „יידישן געסל”, וואָס שפּאנען טריט נאָך טריט, ווי אויסמושטרירטע, און טראָגן אהיים אפּ זיך גרויסע בונטן שטעכלקעס.

הײַנט איז א „טוי” אין קישלאק.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז דער גאנצער קאָלווירט אפּ אייזלען ארויסגעריטן יולדאש נאסרעדינען אנטקעגן צום שאָסיי-וועג. א מע-סוקענער שטויב האָט זיך אופגעהויבן אפן וועג. דער שטויב האָט געוויקלט זיך ארום די מענטשן, ארום די אייזלען, ארום אָנגעלאָפּענעם אווטאָ, געוויקלט זיך ארום יולדאש נאסרעדינען, וואָס איז געשטיין גע-בליבן צווישן אוילעם אפּ איין פוס, אַ אָנגעהאנגענער אפּ צוויי הויכע הילצערנע קוליעס. אפן היימישן טשאַפּאַן זײַנעם — א גרינער

שינעל. א הארט אָנגעצויגנ פאָנעמ קוקט ארויס פונ שינעל. ער
האָט ארויסגעלאָזט די קוליעס פונ אונטער די אָרעמ אונ אזוי-אָ,
א שפרינגענדיקער אפ איינ פוס, מעקאבל-פאָנעמ געווענ דעמ אוילעמ.
הײַנט גייט צו אימ קינד-אונ-קייט אפ א „טוי". בערדיקע באיִשעווטע
אוזבעקנ וועלנ זיצנ מיט די פיס אונטערנ „סאנדאל", וועלנ טרינקענ טיי
מיט ראָזשינקעס, עסנ „פלאָוו" אונ אויסהערנ אויסטערלישע דערציילונ-
גענ וועגנ אטאקעס אונ קאָנטראטאקעס. אויבנאָנ, לעבנ גאסט רעכטס,
וועט טורסונקול גאנצע האלטנ אינ איינ קוקנ מיטנ איינעמ אויג זײַנעמ
אפ דער וואנט, אונ מיינענ וועט ער דעמ באלסימכע, יולדאש נאסרע-
דינענ, ס'צווייטע אויג זײַנס, דאָס גלעזערנע, באָדט זיכ אינ טרערנ.
ער הוסט זיכ אויס, טורסונקול. באלד וועט ער דערציילנ וועגנ די
ערשטע אָדעסער שלאכטנ. לינקס לעבנ גאסט וועט זיצנ מוישע, מוישע
דער קאָנטוזשעטער. כאָטש ער קאָנ קיינ אוזבעקיש ניט, מוישע, וועט
ער די גאנצע צײַט צושאָקלענ מיטנ קאָפ אונ זיכ עפעס בערויגעז
אונטערברומענ, אזא שמועס וואָלט ער פארשטאנענ אפ אלע לעשוי-
נעס. נאסרעדינ יולדאש וועט זיכ דערנאָכ אפירוקנ פונעמ „סאנדאל",
אופשטעלנ זיכ, זיכ אָנשפארנ אינ די קוליעס זײַנע, אָנגוידערנ זיכ,
אונ מע וועט מיינענ, אז ער קלײַבט זיכ האלטנ עפעס א
נײַע רעדע. נאָר דערציילנ וועט ער גאָר דאָס, וואָס ער האָט שוינ
עטלעכע מאָל דערציילט דאָ: אָסיענ בא די טויערנ פונ מאָסקווע...
א רײַטער איז ארײַנ מיטנ פערד צווישנ סויניִשע אווטאָמאטנ. אינ איינ
מינוט — טויזנט קוילנ, איינ דזשיגיטישע שווערד קעגנ זיי. די קוילנ
האָבנ דעמ פערדס בויכ צעלעכערט, דעמ רײַטערס א פוס צעשפאָלטנ.
אפ דער שווערד איז דאָס סויניִשע בלוט פארקילט געוואָרנ. ערגעצ
אונטער מאָסקווע, אינ מאסנ-קייווער, פוילנ די ביינער פונ דײַט-
שישע אווטאָמאטלער. אונ דער רײַטער... דער רײַטער טאנצט אפ
איינ פוס, עסט „פלאָוו" אונ טרינקט טיי מיט ראָזשינקעס... ער וועט
אָפדערציילנ אונ א רעגע שטיל בלײַבנ, יולדאש, אלע וועלנ א רעגע
שטיל זײַנ.

— אויך איך, נאסרעדינ יולדאש, האָב געהאָלפֿנ פֿארטרײַבנ דעמ דײַטש פֿונ אונדזער הויפּטשטאָט...

— אונ איך — מוישע. מוישע דער קאָנטוזשעטער!..

— אונ איך...

נאָך דער „טוי” וועט ערשט זײַנ שפּעטער, פֿארנאכט. איצט איז נאָך פֿרי. אינ דרויסנ האָט זיך ערשט גוט דערוואַרעמט. דער נעפּל איז שוינ ניטאָ. די זונ שטייט אינמיטנ הימל. קעגנ דער זונ, מיט פֿארקנייטשטע פּענעמער, שפּאנענ אינ פֿאַריקמאכערסקע ארײַנ די איינ-ציקע דרײַ מענער צווישנ די עוואקויִרטע: מאָרדכע בעסאראבער, נאָ-כעמ פֿאטלאזשאנער אונ כאווער בראָווער.

די פֿאריקמאכערסקע איז אינ איינ קאָרידאָר בײַט דער פּאָטשט. א האלב קאָרידאָרל איז מיט זונ, די צווייטע העלפֿט מיט שאָטנ.

אפֿ דער שוועל, צווישנ זונ אונ שאָטנ, צוויי ייִדענעס:

— באקומענ? פֿונ אימ אלײנ טאקע?..

— זע נאָר, וואָדענ? אכט בריוו. אפֿ איינ מאָל אכט בריוו!..

— פֿונ אימ אלײנ?

— א פֿינצטערער כאָלעמ אפֿ היטלערנ! פֿונ וועמענ דענ, פֿונ א פֿרעמדנ?..

— ווער ווייסט, צי ער לעבט נאָך ערגעץ, מײַנער...

אינ פֿאריקמאכערסקע איז ענג אונ הייס. נאָכעמ פֿאטלאזשאנער, בראָווער אונ מאָרדכע בעסאראבער זעצנ זיך ווארטנ אפֿ דער ריי, אלע דרײַ אפֿ איינ באנק, שטרענגע, שטײַפֿע. מיט הענט צעשפּרייטע איבער די קני, ווי פֿארנ פֿאָטאָגראַף. דער שפּיגל אינ פֿאריקמאכערסקע איז צעשפּאָלטנ אפֿ זעקסנ אונ איז אויסגעקווייטלט מיט רויטע זשא-ווער־קווייטנ. פֿונ איינ געוויינלעכנ פּאָנעמ ווערנ דאָרטנ זעקס אומ-געוויינלעכע פֿארשמאָלטע צורעס מיט לאנגע נעז, צעצויגענע באקנ אונ אויגנ, וואָס שטייענ אינ דער לענג, ניט אינ דער ברייט.

דער פֿאריקמאכער, א זשוואווער טאדזשיק מיט אנ אונטערגעגאָלט קײַלעכיק בערדל, זעט אויס ווי אנ אקטיאָרל, וואָס האָט זיך אָנגעטאָנ

א טשאָפּאַנ, איז אריַינ אינ א באָרד אריַינ און גענומענ א גאָלמעסער אינ די הענט. פונ די אָנגעזייפטע נאסע קעפּ הייבנ זיך אופ דינע קריַיזעלעך פּארע. אינ ענגנ צימערל שמעקט מיט צעווייקטנ און צעפּארעטנ ליַיב-רייעך. דאָ שערט דער פּאריקמאכער א וואָנצע, דאָרט גאָלט ער א קאָפּ, קעמט א באָרד, און אינמיטנדערינענ שארפט ער דעמ גאָלמעסער זיַינעמ מיט פארגלאָצטע אויגנ און פּארקנייטשטער קאוואָנע, ווי א שויכעט פלעג אמאָל שארפנ א כאלעפ. ס'מעסער ארבעט אפּאָנעמ אזוי גוט, אז מענטשנ ווארטנ שוויַיגנדיקע, בלייכע, גליַיך זיי וואָלטנ געדארפט באלד דורכגיינ א שווערנ ניסאָיענ. אינ דער שטילקיַיט פּאלט פלוצעמ אריַינ א פּארוואקסנ, דאר יינגל מיט א פארשמירט פּאָנעמ, א צעכראסטעט העמדל, צעפּליקטע הייזלעך, כאָטש גיט אימ א פּאָרל טויבנ אינ די הענט. נאָר דאָס יינגל איז גאָר אָנדערהאלבנ כאדאָשימ געווענ אפּ די בוימוואָל-פּלאנטאציעס. היַינט קומט ער צופוס פונ דער סטאנציע. ער האָט פארטאָג געהערט ראדיאָ: פיר און צוואנציק גענעראלנ גענומענ. צוויי און צוואנציק דיוויזיעס. אנ ארמיי א גאנצע. ארומגערינגלט, אנ אולטימאטום, און אז ער האָט ניט געוואָלט, דער דיַיטש, האָט מענ אימ גענומענ אינ דער ארבעט אריַינ. ער דערציילט גיך, דאָס באָכערל, אפּ א קלינגענדיק קאָל, מיט פינקטלעכקיַיט — גליַיך ער וואָלט געקומענ פונ די סטאלינגראדער געשעענישנ און ניט פונ קיינ בוימוואָל-פּעלדער.

דער פּאריקמאכער בליַיבט שטיינ מיטנ ראזירמעסער אפּנ שארפשטיינדל, ווי ס'וואָלט זיך אינ אימ אָפּגעשטעלט א מעכאניזמ: „נעמא דידי? נעמא דידי? וואָס זאָגט ער? וואָס זאָגט ער?" כאווער בראָווער איז נאָרוואָס געזעסנ אפּ דער באנק — ער שטייט שוינ לעבנ פּענצטער. אינ מאָרדכע בעסאראבערס באָרד דערקענט מענ, אז מאָרדכענ איז פריילעך געוואָרנ אפּנ הארצנ. נאָכעמ פּאטלאזשאנער רוקט ארונטער א האנט אונטערנ היטל און זאָגט, אז אויב דאָס אלצ איז עמעס, וועלנ מיר עס אינ עטלעכע טעג ארומ לייענענ אינ דער גאזעטע. אינ פּאריקמאכערסקע איז, וויַיזט אויס, קיינמאָל שטיל ניט געווענ. בראָ-

ווער רעדט אָנ ציינ, שעפּעליאווע, מיט א סאכ שינענ. לעבנ באָכערלס קלינגענדיקנ קעלעכל איז נאָכעמ פּאטלאזשאנערס באס ברייטער אונ גרילצנדיקער, ווי ער וואָלט גערעדט דורכ א טרומייט. איינער שרײַט איבער דעמ אנדערנ. ווער מיר שערנ זיכ, וואָס מיר גאָלנ זיכ, אז דעריקער אינ מילכאָמע איז סטראטעגיע. אינ וויקועכ ווערנ ארײַנגע-שלעפּט אוזבעקנ מיט אָנגעזייפּטע קעפּ, דער פּאריקמאכער. ייִדיש מישט זיכ מיט אוזבעקיש דורכ. דאָס דארע פּארוואקסענע ייִנגל ווערט אפּ איינ פּוס א דאָלמעטשער:

— אז אָט דאָ-אָ איז סטאלינגראד, אונ דאָרטנ אונטנ איז ראָס-טאָוו, וואָס זשע דולט איר א ספּאָדעק, וואָס?..

— רעב נאָכעמ, מע וועט גיינ אפּ כארקאָוו, רעב נאָכעמ!

— אונ ווו איז דער דאָנבאס? ווו איז קרימ?

— רעב נאָכעמ, קיִעוו וועט אויכ זײַנ אונדזערס?

— מירנ זענ, וואָס דער זומער וועט זאָגנ...

— דער זומער וועט אויכ זײַנ אונדזערער!..

— איר זײַט א ייִד א שויטע!

— פּאָטשטאליאָנקע, ווײַזט נאָר די גאזעטע פונעמ ערשטנ, פּאָטש-טאליאָנקע!

— נעמא דידי, נעמא דידי...

ווענ נאָכעמ פּאטלאזשאנער, כאווער בראָווער אונ מאָרדכע בעסא-ראבער קומענ ארויס אינ דרויסנ, איז שוינ רעכט שפּעט. די זונ איז איבערגעגאנגענ פונ איינ עק קישלאק אינ אנדערנ. נאָכעמ פּאט-לאזשאנער האָט באקומענ א פּאָר שטרענגע פּארדרייטע וואָנצעס; בראָ-ווער אָפּגעראזירט — זעט אויס אויסגעבלייכט אונ אָפּגעצויגנ, ווי ער וואָלט נאָרוואָס אופגעשטאנענ פונ א שלאפקײַט; מאָרדכע בעסאראבערס צעוואק-סענע באָרד האָט דער פּאריקמאכער געשוירנ אונ געשוירנ, געגאָלט אונ גע-גאָלט אונ געמאכט פונ איר א פּרעמד, צוגעקלעפּט ציגנ-בערדל. אלע דרײַ שפּארנ אָנ אינ די שטערנס די דלאָניעס זייערע אונ פּארײַסנ די קעפּ צומ הימל ארופ: שוינ גיינ אפּנ „טוי", צי ס'וועט נאָכ זײַנ צײַט א

קוק טאָג צו די ייִדענעס אינ דער היימ? נאָר גיי זוכ די זונ, אז אָט איז זי דאָ, אָט איז זי דאָרט, אונ אײדער דו רירסט זיכ, פארקריכט זי צווישנ די גרויע געקנייטשטע העלפאנדנ ארומ קישלאק. וואָס איז דאָס פארא ווינטער-טעג צו אלדי גוטע יאָר?

נאָר ס'איז דענ ווינטער-טעג? ס'א מײַסעלע. צווישנ די זומערס א קורצ שפּילעוודיק ווינטער-מײַסעלע.

1944, יאנואר

5. גאָלדע

זונטיק, מײַ.

ס'איז א ווײַסע אויסגעשטערנטע לעוואָנע-נאכט. בא דער ליכטיקײַט קאָנ מענ לייענענ א ביכל. איכ ליג אפנ דאכ: אינ אָנטאָנ, וואכנדיק, צווישנ גראָזנ. ס'איז לאנג שוינ נאכט געוואָרנ?

אונדזער קיביטקע, איינע אליינ אפנ צעוואקסענעמ סטעפּ, זעט אויס ווי אינ א וואלד דעמ שוימערס שטיבל. ווּ זשע איז די ביקס אפ דער וואנט, ווּ איז דער הונט אפ דער קייט, ווּ זײַנענ די וואלדישע ווידערקוילעס?

א הונט אפ א קייט כּירט ערגעצ אינ קישלאק דעמ אייביקנ הונט-לעוואָנע-רויגעז.

אין „געסל" קריגן זיך ווײַבער אפּ אזעלכע ווילדע קוילעס, אז דאָ אזש קלינגען אָפּ די גוואַלדן זייערע.

ס'איז טאקע אפּאָנעם ערשט ניט לאנג נאכט געוואָרן.

וואָס האָב איך פריִער פארטראכט און וואָס האָב איך איצטער אָנגעשריבן? ווי א שויטע זיץ איך און קײַ דעם בלײַשטיפט קעגן דער לעוואָנע-שײַן. דאכט זיך, וועגן בענקשאפט האָב איך פריִער געטראכט, וועגן בענקשאפט און אײנזאמקײַט...

טרויער און פרייד, גליק און אומגליק, מיִעסקײַט און שיינקײַט, געזאנג און געוויין — מע קאָן אזוי אָנציילן ביזן טאָג ארײַן.

אָפּטמאָל, ווען איך בלײַב אליין, זײַנען מיך גריוועד אָט יענע שווארצע טראכטענישן, וואָס איך פלעג מיט זיי פארדרײַיאָרן, נאָך פאר דער בעסאראבער באפרײַונג, ארומשפאצירן איבער די קישיניעווער גאסן: ווו בין איך און ווו איז דאָס לעבעדיקע לעבן?.. צעהודעט זיך דער קאָמבײַן. איך טאנץ ארײַן אין דער בלאָער מאנצבלשער ספּעצאָווקע. די הויזן נעמען אוועק בא מיר דעם מיידלשן כיין, קרויזט אָבער דער ווינט מיר די האָר אָן. זאָגט אלעקסיי, אז אזוי בין איך כיינעוודיקער. כיינעוודיקער ווי כיינעוודיקער — פריילעכער בין איך זיכער אזוי.

דאָס ברויט אפּ די פעלדער האלט שוין אָט-אָט באם אויספארטיקן זיך. דאָ ניט ווײַט, איבערן וועג, שטייט דער קאָמבײַן — גרויס און מעגושעמדיק באטאָג, שווארצ און אָנגעברויגעזט באנאכט — און ווארט, אז די יונגע קאָלע זײַנע זאָל נאָר צײַטיק ווערן.

איך ליג וואכנדיק אפּן דאך און פיל, ווי עס וואקסן ארום מיר די גראָזן. היים, מילכאָמע, אוזבעקיסטאן. דער מײַ איז דאָ אויסטערליש. אלץ צײַטיקט זיך און באקומט די פארב פון גאָלד. ווען איז געווען דאָ גרינער פרילינג? פייגל פליִען דורך איבער מײַן קאָפּ זינגענדיק. די לעוואָנע נארט זיי אפּאָנעם אָפּ: ס'איז קאַיאָר שוין!.. ס'איז קאַיאָר שוין!.. איך הער, ווי עס שושקען זיך די זאנגען: הײַנט-מאָרגן הייבט זיך אָן דער שניט אפּ די פעלדער. דער קאָמבײַן האָט ליב א

געזונטן אויסגערוטן קאַמבײַנער. מע דאַרף זיך אײַנטוליען אין די גראָזן און אנשלאָפּן ווערן. א גוטע נאַכט דיר, הימל! א גוטע נאַכט, לעוואַנע, דירו! א גוטע נאַכט אײַך, ליבע, גאָלדענע, איבערגעשראָקענע ברויט-פעלדער...

* * *

א פּאָשעטער מאַנטיק, און ער האָט מיר געבראַכט פרייד און יאָמטעוודיקײַט.

א פּאָשעטער מאַנטיק און א פּאָשעטער מענטש.

עפשער זײַנען אויך אין אונדזערע קאַנטן געווען אזעלכע אלעקסייס. ס'זײַנען באַשטימט געווען. נאָר איך האָב ניט געוווּסט פון זיי. איך בין געווען אין איין עק, זיי — אין אנדערן. כ'האָב דאָס שוין איינמאָל פאַרצייכנט, און איך כאַזער דאָס איצט איבער: איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, וויאַזוי ס'איז מיר אמאָל געפעלן אזא וולאַדעק. ער וואָלט, דאַכט זיך, אויסגעזען בא מיר איצט מיעס, נעבעכדיק. זומער אין די היצן טראָגט אלעקסיי גראָבע ארמייִשע שטיוול, די נאָז זײַנע איז צולאָכעסדיק פאַריסן אָפּ ארוף. ער איז טאָמיד פאַרשמירט און רעדט טאָמיד פונעם טראַקטאָר, אלעקסיי. דעם ערשטן טאָג האָט ער מיר באַלד געזאָגט: „דו". וואָס זשע איז דאָ שיין, וואָס? כ'ווייס ניט!.. זײַ מיר מוחל, וולאַד, ווער האָט זיך אין די דאָזיקע פאַר מילכאָמע-יאָר דען ניט איבערגעביטן?..

כ'האָב זיך געבאָדן הײַנט.

פאַרטאָג איז קינד-און-קייט ארויס אפּן סטעפּ מיט די סערפּן אין די הענט. פאַרוואָס מוז נאָך דער קאָמבײַן א פּאָר טעג רוען, צו אלדי גוטע יאָר? כ'בין געזעסן אין דיטשקע א פאַרטראַכטע און פאַרגעסן, אז איך זיץ א נאַקעטע. פאַר מיר, ווײַטלעך, אין די בערג — דער קישלאַק. ארום און ארום אף די פעלדער נעמען זיך מענטשן ארום מיט ברויט-סנאָפּעס. פייגל דרייען זיך איבערן קאָפּ, און סע גלוסט זיך זיי ניט אָפּצופּליִען. פאַרטראַכט, אין קילן וואַסער,

דרופ איכ ארויס איבער די אלע היימישע בילדער, ווי א ווײַטע טונקעלע זעונג, דעמ שווערנ מעהאלעכ פונעמ סערפ ביזנ קאָמבײַנ...

פונוואַנענ האָט זיכ פלוצעמ אלעקסיי ארויסגעיאָוועט:

— פארקוק זיכ, גאָלדע!.. כ'וועל זיכ אויסטאָנ!..

כ'האָב א קוויטשע געטאָנ. דערנאָכ האָב איכ געטראכט, אז אזעלכע קוויטשנ קומענ גיכער פונ ניט-אופריכטיקײַט, איידער פונעמ הארצנ ארויס, אונ בינ אנשוויגנ געוואָרנ. אלעקסיי האָט דאָס נאקעטע לײַב זײַנס באהאלטנ אינ זייפ. אינײנעמ מיט גרויסע דורכזיכטיקע זייפנבלאָזנ בולבעט ער ארויס פונעמ מויל אומפארשטענדלעכע צעהאקטע ווערטער. נאָר איכ הער אימ סײַוויסײַ ניט. דער סערפ-אונ-קאָמבײַנמעהאלעכ איז פארביטנ אפ דער ווײַטקײַט פונ אָמסק ביז קישיניעוו. נײַנ, כ'וואָלט זיכ ניט אונטערגענומענ אָפּלעבנ מיט אלעקסייענ א גאנצ לעבנ.

— קומ... שעמ זיכ... דער סערפ ארבעט, אונ מיר גענעצנ!..

האלב-נאקעטע האָבנ מיר אָנגעהויבנ לויפנ איינער נאָכנ אנדערנ, צייכענענ ריטמישע שפּיל-פיגורנ איבער ביידע זײַטנ ריטשקע. ווער איז שולדיק, אז די טוווע-קערנדלעכ זײַנענ נאָכ צו גרינ פארנ קאָמבײַנ? וואָס פארא פיגורנ וועט אָבער אלעקסיי דער טראקטאָריסט אונ גאָלדע די קאָמבײַנערנ מיט א פּאָר טעג שפּעטער, צוואנציק שאָ אינ מעסלעס, צייכענענ אפ די ברויט-פעלדער?..

כ'האָב זיכ ארויסגעגליטשט פונ אלעקסייס אָרעמס אונ אינמיטנ לויפנ, פלוצעמ, ארָאָפּגעזעצט זיכ מיט די הענט אפ די זײַטנ ווי א פויערשער ליימענער קרוג. אלעקסיי האָט זיכ ניט געריכט דערופ. ער איז אריבערגעפאלנ איבער מיר, מיטנ האלב-נאקעטנ לײַב זײַנעמ עטלעכע מאָל דורכגעקאטשעט זיכ צווישנ די גראָזנ אונ קונציק אויסגעמיטנ ארײַנצופאלנ אינ וואסער. איינער קעגנ אנדערנ זײַנענ מיר שטיינ געבליבנ מידע, געהויקערטע, צעשויבערטע, ווי צוויי בייזע האָנענ. ער — א ריר זיכ רעכטס, איכ — א ריר זיכ רעכטס, ער — א ריר זיכ לינקס, איכ — א ריר זיכ לינקס. איינער לויפט נאָכנ אנ-

דערנ אינ א ראָד, א פּאָר מינוט אינ דער רעכטער זײַט, אונ דער־נאָכ צוריק — א פּאָר מינוט אינ דער לינקער זײַט. ווידער ווערט פונ מיר א פויערשער קרוג מיט צוויי גרויסע ליימענע אויערנ. דאָס מאָל לאָזט זיכ אלעקסיי ניט אָפּנארנ, ער כאפּט מיכ ארײַנ אינ די הענט ווי אינ א רייפ ארײַנ. אײַנײנעמ טוענ מיר זיכ א וויג אהער, א וויג אהינ, א בייג אפּ פאָרויס, א בייג אפּ צוריק, אונ צומ צווייטנ מאָל שטעמפּלט מיר אלעקסיי אָפּ א קוש אינ די באקנ.

איכ שטיי פונדערווײַטנס אונ בינ בערויגעז. ער שטייט פונדער-ווײַטנס אונ לאכט. איכ האלט די אויגנ אראָפּגעלאָזט אונ מאכ דעמ אָנשטעל פונ פארמויעכטקײַט אונ פארזאָרגטקײַט. נאָר איכ פיל, אז די פריִעריקע שווערע טראכטענישנ זײַנענ שוינ ערגעצ ווײַט-ווײַט אונ אָנשטאָט זיי קומט אופ אינ מיר פרייד אונ יאָמטעוודיקײַט.

די שפּיל הייבט זיכ אָנ פונ אָנהייב.

איכ לויפ לײַכט, באָרוועס, אפּ די שפּיצ פינגער. ער לויפט שווער, געפּענטעט, ווי ער וואָלט געגאנגענ אָנגעטאָנ אינ די אָמס-קער וואָליקעס זײַנע. עפּשער וואָלט שוינ גענוג געווענ?.. איכ וויל דענ אנטלויפנ?.. איכ דערווײַטער זיכ פונ דער ריטשקע. איכ יאָג ארײַנ אינ די ווייצנ ארײַנ, פארטשעפּע מיכ, הייסט עס, אינ א זאנג אונ פאל אוועק אנ אויסגעמאטערטע. ער יאָגט מיכ נאָכ, אלעקסיי, זוכט מיכ אָפּ, פארטשעפּעט זיכ, הייסט עס, אויכ אינ א זאנג אונ פאלט אויכ אוועק אנ אויסגעמאטערטער. דאָס איבעריקע ביסל אָנ-טועכצ אונדזערס בלײַבט ליגנ אליינ בא דער ריטשקע.

וועט כאָטש דאָס דאָזיקע אינטימע בלעטל מײַנס קיינער ניט אי-בערלייענענ?..

* * *

דינסטיק, מײַ, נײַנצנ הונדערט דרײַ אונ פערציק.
כאווערטעס מײַנע, האַציקע אונ טײַערע.

פאַרוואָס האָט אונדז דער גורל אַזוי צעוואָרפן? מיר האָבן דאָך איינער דער אַנדערער אַזוי־פיל אויסצודערציילן...

שטילע פּאָשעטע מיידלעך. אין גרויע בעסאַראַבער פאַרנאַכטן, אויף גאַנעקעס קליינשטעטלדיקע, פלעגן מיר, אַרומגענומענע און פאַרכאָלעמטע, צוגעטוליעטע, אין ניגונים פאַרוויגן די בענקשאַפט אונדזערע. וויפל זיינען מיר עס דעמאָלט אַלט געווען?.. וויפל זיינען מיר עס איצטער אַלט?

גיטעלע וואַרפט לאָפּעטעס קוילן אין אַ לאָקאָמאָטיוו־קעסל. כייקע אַרבעט אויף אַ זאַוואָד נומער אַזוי־פיל און אַזוי־פיל, גאָלדע — אַ קאָמביינערן. ערגעץ אין אַ שפּיטאָל בינדט סאָניע וווּנדן איבער.

כאַווערטעס מיינע, מיינע קליינע עסטערל האָט מיר נאָרוואָס געבראַכט פון קישלאַק די בריוו אייערע. וויפל צייט נאָך וועל איך, טראַכטנדיק וועגן אונדזערע איצטיקע אַדרעסן, אַלץ מיינען, אַז דאָס איז ניט אויף דער וואָר?.. וואָלוועלע מענטשן וועלן לייענען דאָס קאַרטל און עס אַי ניט פאַרשטיין, אַי אויסלאַכן. אָבער מיר, מיידלעך, איר געדענקט? מיר האָבן דאָך געבענקט נאָך שיינקייט: „דער זייגער לויפט — ער שרעקט אַזש איבער!..” „אַ מוטער בייסט דעם קינד אירן די ערשטע נעגל אָפּ...” „וויאַזוי וואָלט אויסגעזען דאָס שטעטל, ווען מע כאַפּט פּלוצעם אַוועק אַלע פּלויטן צווישן די שטיבער?..” פאַרוואָס איז אונדז דעמאָלט ניט איינגעפאַלן אַזאַ פּאָשעטער כיין: אַ מיידל יאָגט אונטער אַ לאָקאָמאָטיוו; אַ מיידל נעמט אַרום אַ פאַרווונדעטן; אַ מיידלס געליבטן רופט מען קאָמביין. זוך אויף דער קאַרטע דאָס און דאָס בעסאַראַבער שטעטל אין אוזבעקיסטאַן, אין קאַזאַכסטאַן, צווישן קאַספּישן יאַם און די אוראַלער בערג?..

עסטערל וואַרט, און דאָס קאַרטל ענדיקט זיך, דאָס קלענסטע שוועסטערל מיינס איז שוין אויך אַ גרויסע. כ׳וועל דאָס קאַרטל דריי מאָל איבערשרייבן און וועל עס, יעדערער באַזונדער אייך, אין דריי פאַרשיידענע עקן אָפּשיקן.

ניין, מיט וואָלאַדן האָבן מיר זיך נאָך ניט אָפּגעזוכט (פאַרלירן

זיך און אָפּזוכן זיך — איר געפינט אין דעם ניט קיין שיינקייט?),
אוואדע האָט ער זיך אויך מינאסטאם געביטן. עפשער טראכט ער
איבער מיר אזוי, ווי איך טראכט איבער אים, זיינען מיר קוויט,
הייסט עס, הא, מיידלעך (ווי טייער די דאָזיקע שיינקייט קאָסט
אמאָל...)?

שרייבט, קינדער. ס'ווערט דאָך אזוי גרינג דערפון. אָפּטמאָל בייט
איך אויס א שורע פאר א טרער. זייט מיר געזונט, כאווערטעס
מיינע!..

* * *

מיטוואָך, איך נעכטיק היינט אין דער היים. פארטאָג וועל איך
רייטנדיק פאָרן אין דער מאשין-טראקטאָרנע סטאנציע, אין עמטעס
ארייַן.

אין דער היים איז מיר טאָמיד בנסער ווי אומעטום. דער טאטע
זיצט אין דרויסן אפ דער שוועל, מיד פונעם טאָג, מיט ארויפגע-
האנגענע לאנג געוואָרענע הענט, אָפּגעלאָזט, שווער, ווי מע בלייבט
אמאָל זיצן נאָך א לאנגן הייסן טאנץ. לעקאָוועד מיר פארקנעט די
מאמע גאָלע ווייצן-טייג און לייגט אריין אין קנעטן ניט קיין בוימל,
ניט קיין אייער, ניט קיין הייוון, נאָר די גאנצע ליבשאפט אירע.

מ'האָט זיך געוואָלט בארימען פאר מיר מיט דער פעט געוואָרע-
נער ציג און מיט אירע צוויי אונטערגעוואקסענע ציגלעך. זיינען זיי
אָבער, ווי אפצולאָכעס, נאָך דער טשערעדע ערשט פארקראָכן ער-
געץ פאשען זיך, און אי האָדל אי שיפרע שפרינגען אום אין פרעמ-
דע גערטנער, טרעטן איבער פרעמדע בייטן, דראפען זיך אפ פרעמדע
פלויטן, און אָן בושע, אָן מוירע שעלטן זיי די ציגן אפ יידישן מא-
מע-לאָשן, שרייען צו זיי מיט אזעלכע מענשונעדיק-לעפישע אופריכטיק-
פרייע געשרייען, אז איך הייב אָן טראכטן, אז די צוויי עלטערע שווע-
סטער מיינע האָבן ערשט דאָ אין סאָוועטנפארבאנד, — כאָטש ס'איז
מילכאָמע, כאָטש איידער מ'האָט באוויזן איינצובירגערן זיך, איז באלד

25268

אונטערגעקומענ די שווערע גאָלעס-עוואקואציע, — האָבנ זיי ערשט דאָ אָנגעהויבנ טרעטנ מיט זיכערע טריט אפ דער ערד.

אז אלצדינג איז גוט, וואָס זשע מאכט מיכ דאָ טרויעריק אינ קישלאק? די שטילקייט, די פארשטויבטע, דאָרפישע?.. מענטשנ?.. אינ וועלכנ צירק האָבנ זיי זיכ אויסגעלערנט מיט איינ העלפט פּאָנעמ אונטערשמייכלענ, בייס די צווייטע העלפט קרימט זיכ, כויזעקט, טרייבט אפנ וווּנק רעכילעס?..

ערגעצ אפ דער זעלבער ערד, אינ זעלבנ לאנד, באהאנגענ מיט גראנאטעס, ווי מיט שווערער צירונג, אינ אָקאָפּעס, אינ וועלדער, איבער בריקלעכ, מיט בלישטשענדיקע אווטאָמאטנ אפ די רוקנס, שטייפע, שטאָלצע — באטייליקנ זיכ אויכ מיידלעכ (אנדערע מיידלעכ) אינ די גרויסע געשעענישנ.

מיכ האָט עס ארייַנגעדרייט אינ א גרויענ טעמפּנ עק...

כ'וועל פארלירנ זיכ אינ שטויב, וואָס די טשערעדע האָט דאָ נאָרוואָס איבערגעלאָזט...

האָדל אונ שיפרע זייַנענ אָנגעלאָפנ מיט דער ציג אונ מיט די ציגלעכ. ניטאָ די ציג — האָט דער טאטע שוינ געהאט בארימט זיכ פאר מיר מיט דער קוואָטשקע. אָט זיצט עס, דאָס באשעפעניש, צוואנציק מעסלעס אפ א ביסל שטרוי אינ א ווינקל, אויסגעמאָגערט, אויסגעבלייכט, דערשראָקנ, נעמט איפּ אלע פּייַניקונגענ, אבי פונ די טויטע אייער זאָלנ זיכ אויסשיילנ לעבעדיקע הינדלעכ. בא די שכיינעס האָט זיכ שיפרע אויסגעלערנט מעלקנ די ציג אפ אוקראַיניש. „סטי, סטי, א כאָראָבע נא טעבע!..“ זי דערלאנגט דער מאמענ א פולע שיסל פּיגע-מילכ, אונ די מאמע באשפּייַט זי, די שיסל: „טפו, טפו, קיינאָרע ניט, קיינאָרע ניט!..“ איכ גלעט די שיינע ציגלעכ אפ האָדלס הענט אונ טראכט צו איר אליינ, צו דער עלטסטער אלמאָנעדיקער (דאפקע אָנ דער מילכאָמע) שוועסטער מייַנער: זי האָט שוינ ווינדעלעכ געגרייט, קינדער-לידלעכ געלערנט. זי פילט אפאָנעמ מייַנע געדאנקענ, האָדל. איינ ציגל לאָזט זי גיכ אראָפּ, ס'צווייטע טוט זי א הייב איבערנ קאָפּ אונ הייבט אָנ גיכ-גיכ דרייענ זיכ דערמיט:

קום אין קאָן —
האָסט שוין וואָס אָנצוטאָן?
קום א טאנץ —
האָסט שוין א העמד א גאנצס?..

ווי גרינג זי איז גויוואר דעם טרויער, די שוועסטער מײַנע.

די זון איז לאנג שוין פארגאנגען. איבער מיר, איבער דער ציג און איבער דער שוועסטער הייבט אָן, ווי געוויינלעך, ווי טאָג-טעגלעך, אראָפּלאָזן זיך די פינצטערניש. נאָר מיר בלייבן שטיין שטילע, פארכידעשטע, אינמיטן טאָג און אינמיטן ריידן, גלייך דאָס וואָלט פאָרגעקומען צום ערשטן מאָל אין אונדזער לעבן.

ערגעץ אין א ווייטן הויף דערציילט עפּעס איינע שכיינע דער אנדערער אומפארשטענדלעכס, גיכס, אַפּ א גערגלדיק מאנצבלש טענאָרל. און וואָס דערמאָנט עס מיר? — פריִיטיק-צונאכטס, אין שטעטל, כ׳בין א קליין נאריש מיידעלע. עמעצער אין מארק האָט זיך אָנגעשטעלט דעם גראמאָפאָן צום עסן, און איך זיץ אַפּ דער פריזבע א פארכאפטע און פארבענקטע...

איך וואָלט זיך פונדעסטוועגן געדארפט דורכגיין צו אונדזער אוילעם. זיי וועלן ווידעראמאָל מיינען, אז איך בין א גאַדלענטע. גלוסט זיך אָבער ניט. האָב איך זיך אוועקגעזעצט אין גראָז הינטער דער שטוב און וועל אזוי, זיצנדיק אין דער היים, סײַוויסײַ זײַן בא יעדן באזונדער.

דער זאָקן בראָווער שפּאנט אום מיט א בלאַט אונטער דעם אָרעם.

דער שטעקן זײַנער איז צוויי מאָל לענגער פון אים. „וואַרט אויס, גאָלדע. כ׳האָב האנאָע, אז איך רעד מיט דיר!..“ מיט וועמען האָט ער דען ניט ליב צו ריידן, בראָווער? א גאנצן טאָג רעכן איך אָבער, וויפל טאנקען סוינישע — אונדזערע האָבן דאָס אָנגעצונדן, וויפל קוילנוואָרפער מ׳האָט אָפּגעקלאפּט, וויפל דײַטשן זײַנען ארײַן אין פלען צו אונדז. אין צעקנייטשטן, אלטן, פריילעכן פּאָנעם זײַנעם האָב

איך, פאראיאָרן נאָך, בײַם דער גרויסער סאַקאָנע, דערזען די זיכער-קײַט אין ניצאָכן.

עסטער-גיטעס שווערער אומגליק וועט פארוואקסן ווערן ווי די הילצערנע צלאָמים אף די נײַע מילכאָמע-בעסוילעמס. אויב אין אזא צעבראָכענער יידענע איז נאָך פאראן ביטאָכן, וויאזוי זשע זאָל איך ניט זיכער זײַן, אז מיר וועלן אלץ אויסהאלטן?..

די פרויען מיט די פיצלעך קינדער בא די הענט, אָט די האלבע אלמאָנעס אונדזערע, וואָס ווייסן ניט פון ערשטן עוואקואציע-טאָג וואָס מיט זייערע מענער אף די פראָנטן קומט פאָר, און האָבן אליין זיך דערשלעפּט אהער, — האָבן גענומען סערפּן אין די הענט און זײַנען אוועק אפן סטעפּ ארוס, — איך זע אין דעם עפּעס העכערס פון ביטאָכן...

אין קישלאַק איז שוין שפּעט און ס'איז מעסוקן שטיל אין קיש-לאַק. דער אוילעם שלאָפט אף די דעכער. דאכט זיך, אז איך איינע בין א וואכנדיקע.

אין דער היים, אין אזא-אָ נאכט, האָט כאַפּטש די מיל אין שטעטל געסאָפּעט און געסאָפּעט. די שטילקײַט איז דאָ שרעקנדיק. אן איידל צערעוועט זיך — ס'איז א פריידיקע סימען, אז אלץ איז נאָך לעבעדיק. זשאבעס צעקוואקען זיך — ס'איז א געזאנג אזא.

כ'וועל הײַנט האָבן שווערע כאלוימעס.

* * *

מיט דער טראקטאָריסטקע נאסטיע האָבן מיר לאנג גערייט זיך אפן וואָקזאל, געאָרעמט, פוסט-און-פּאס, נאריש. אזוי פלעגן מיידלעך בא אונדז אָפּדרייען זיך די גאנצע מיידלשע יוגנט זייערע.

באנען גייען, באנען קומען — באקענטע מײַנע זײַנען ניט דורכ-געפאָרן.

מע פילט זיך אזוי גוט, אז מע טוט אלע ארבעטן אָפּ. צווי

פּעסער ברענשטאָפּ האָב איך אָפּגעשיקט אין דער בריגאַדע אַרײַן, איבערמאָרגן, שאַבעס, וועט אָנהייבן לעבן דער גוילעמדיקער קאָמבײַנ מײַנער. זאָל איך זיך איצט דורכגיין אין פּאַרק אַרײַן אָדער ווידעראַמאָל צושפּאַצירן צו דער באַן? פאַרוואָס ציט אונדז אזוי צו וואָקזאַלן?

רעווענדיקע לאָקאָמאָטיוון, שערענגעס פולע וואַגאָנעס אויף זײַטיקע באַן-ליניעס, מענטשן איבער אָפענע פּלאַטפאָרמעס, מענטשן אויף וואַגאָן-טרעפּלעך, מענטשן אין לאַנגע רייען בײַ די וואָקזאַל-קיכן — אַזעלכע בילדער וועלן מיר שוין טאָמיד דערמאָנען יענע שווערע עוואַקואַציע-טעג.

אין אַן עוואַקאָפּונקט, הינטער קיִבישעוו, בין איך אַ באַלן געווען און אָנגעציילט בײַ צוואַנציק ייִדישע שטעטלעך פון אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד, בעסאַראַביע און פּוילן. מישפּאָכעסווײַז האָבן ייִדן געדרעמלט איבער די פּעק און געוואַרט אויף עשעלאָנען קיין טאַשקענט. ווען וואָלטן די דאָזיקע שטעטלעך געווען געבליבן, אַז אַ מעלוכע וועט זיי אַמאָל אָרגאַניזירטערהייט אַרויסראַטעווען פון פּאָגראָמען?..

ווי גוט ס'איז די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט מענטשן.

איך געדענק יענעם שוואַרץ-כיינעוודיק-טרויעריקן באָכער פון קראַסנאָדאַרער וואָקזאַל. אין די בלעטלעך, וואָס זײַנען מיר פאַרלוירן געגאַנגען בײַם דער סאַלסקער באָמבאַרדירונג, איז אַ סאַך פאַרצייכנט געווען וועגן אָט דעם באָכער (די לעצטע ווערטער מײַנע אין די בלעטלעך: „סאַלסק... מיר שטייען שוין לאַנג אויף אַ טויטער ליניע... איך פיל אומגליק איבערן קאָפּ“... אויב עמעצער האָט דאָס דערנאָך געפונען און געלייענט, וואָס, האָט ער געטראַכט, איז געשען מיט מיר?..). כ'וועל איצט קורץ נאָר דערמאָנען:

מיר זיצן ביידע אין וואָקזאַל-גאָרטן. איך — אויף איין עק באַנק, ער — אויפן אַנדערן עק באַנק. מיר קענען זיך ניט. ס'איז באַנאַכט. מידע מענטשן אויפן גראָז, צווישן פּעק, כראָפּען און רעדן פון שלאָף. ערגעץ נאָענט אונטער אַ בוים שלאָפן מײַנע. ס'איז אַ ליכטיקע נאַכט.

דער פרעמדער האָט זיך פארקוקט אַפ דער גרינער שײַנ צווישנ די צווײַגנ.

— איר פאָרט ערגעצ, כאווער?

— איך פאָר ערגעצ, כאווערטע.

— וווהינ?

— וווהינ?..

— כ'פארשטיי ניט!

— וווהינ גייט די ערשטע באַנ?

ער איז א לעמבערגער. ער זוכט די מוטער אונ צוויי שוועסטער זײַנע, ווו איז ער שוינ ניט אויסגעווענ. ער פאָרט אָנ באַנ-בילעטנ, ערגעצ אַפ א וואָקזאַל, איינמיטנ פאָרנ, האָט מענ אים אראָפּגענומענ. דער מיליציע-נאטשאלניק האָט אזוי מענטשלעכ גערעדט מיט אים. ער איז אויכ עוואקויִרט. ער זוכט אויכ. א פרוי, קינדער. וואָלגלט ער? וואנדערט ער? אינ אלע עקנ האָט ער בריוו צעשיקט. זיי וועלנ זיכ אָפּרופנ. פאמעלעכ. ס'איז דאָכ מילכאָמע-צײַט. וואָס וועט אזוי פונ דיר, כאווער, ווערנ? א גאסנ-יונג, עפּשער א גאנעוו, וועסט ארײַנפאלנ אינ טפיסע, וועסט אומקומענ, ביסט דאָכ אזוי יונג, יונגע מענטשנ זײַנענ דאָכ אזוי טײַער איצט...

— כ'האָב אינ יענעמ טאָג אזוי פיל געוויינט... אזוי פיל געוויינט... אונ — מיט דער ערשטער באַנ בינ איכ ווידער אָפּגעפאָרנ!..

אינ זײַנ נאָיווּנ טרויער איז ער געווענ קיינעוודיק, אָט יענער פרעמדער באָכער. כ'האָב זיכ צו אים צוגערוקט נעענטער. כ'האָב אים ארומגענומענ? כ'האָב צו איִמ גוטע רייד גערעדט? מיט דער ערשטער באַנ איז ער אינ יענעמ באַנאכט ניט אָפּגעפאָרנ.

ווו זאָל ער זײַנ איצט? אפנ אוראל, אינ א זאוואָד נומער אזוי-פיל אונ אזויפיל? האָט ער געשטילט די בענקשאפט זײַנע? עפשער אפנ פראָנט? עפשער לעבט ער ניט מער?

וויאזוי הייסט ער, אָט דער באָכער?..

* * *

ווי פרייִלעך איך טראַכט, בײַס איך אַרבעט. ווי גוט דאָס איז.

איך בין אָנגעטאָן אין מײַן מאַנצבלשער ספּעצאָווקע. אָט בין איך אונטערן קאָמבײַן, אָט — אויפֿן קאָמבײַן. אָט נעם איך אים אַרום, אָט פֿאַל איך אויף די קני פֿאַר אים. פֿון בלעכענעם קענדל גליטשט זיך דער בוימל מיט אַזאַ גליקלעכער רויִקייט, אַז דאָס אויג כאַפּט ניט, צי עס גליטשט זיך עפּעס. טרינק דיך אָן, טײַערער, זעטיק דיך אָן, ליבער. אַ וועלט מיט אַרבעט וואַרט אויף אונדז.

צוויי גלײַכע מענטשן. איז איינער אַזוי, און דער אַנדערער — פּונקט פֿאַרקערט. אַלעקסייען מאַכט די אַרבעט האַרט און בייז. ער איז אײַנגעטונקען אין שוואַרצן ווי אַ שעד. ער וואַרפֿט זיך מיט די אינסטרומענטן און רעדט קורץ און שרײַענדיק. ער האָט אַפֿילו גע-כאַפּט זיך זידלען הײַנט, אַלעקסיי. אַ צווייט מאָל וואָלט איך עפּשער צעוויינט זיך. אַ דריט מאָל וואָלט איך אים עפּשער ווידעראַמאָל אַנט-קעגנגעשטעלט וואָלאַדעקן און איינעם געשפּיגלט אין אַנדערן. דאָס מאָל איז מיר אָבער אַזוי גוט אויפֿן האַרצן. וואָס איז ער דען, אַלעקסיי, אין מײַן לעבן? ער ליגט אונטערן טראַקטאָר און בייזערט זיך, איך שטיי אויפֿן קאָמבײַן און לאַך, כ׳בין דאָך אַזוי פֿריילעך הײַנט. ס׳איז דאָך אַזוי פֿרײַ אויפֿן סטעפּ. איך לאַך אויף אַ קלינגענדיק קאָל. וואָלט מיר עמעצער געקאָנט אויסמעסטן, איבער וויפֿל קילאָמעטער עס לויפֿט דאָס געלעכטער מײַנס?..

* * *

שאַבעס. צוויי-און-צוואַנציקסטער מײַ.

הײַנט, אין אַ כוידעש אַרום, ווערט פּונקט צוויי יאָר... ביזן אָנבײַסן האָבן מיר אַכט העקטאַר ברויט אָנגעשניטן.

וועגנ וועלכנ זשע זאָל איכ שרײַבנ? וועגנ בײדע!.. אײנס איז פארפלאָנטערט אינ אַנדערנ.

די מילכאָמע וועט זיכ ענדיקנ, מיר וועלנ אהײמ פאָרנ, אײניקע וועלנ זיכ אָפפרײענ, אַנדערע וועלנ אָפטרויערנ. ווי פריִער וועט דאָס לעבנ אָנלויפנ אונ אלצ פארגלעטנ, אלצ פאריכטנ, אלעמענ בארויִקנ, נאָר אינ יעדנ כוידעש, אינ יעדנ יאָר, וועלנ מיר יעדנ צוויי-אונ-צוואַנציקסטנ אָפרײַסנ פונ קאַלענדאַר מיט ציטערנדיקע בלײכע פינגער.

אינ קיביטקע זײַנענ מיר געזעסנ פריִער ארומ א טשײַניק טײ, אפ דער ערד, אינ א ראָד, רויִק, צופרידנ, ווי מע טוט זיכ אמאָל א זעצ אוועק עפעס איבערכאפנ אינמיטנ א שפאציר אפ דער פרײַער לופט. אומיר אָפּא האָט פרישע פלעצלעכ דערלאנגט. אלעקסײ — דער שווארצער שווײס האָט אימ דאָס פאָנעמ מיט בײמלעכ אונ מיט פײג-לענ אָנגעמאָלט — איז געזעסנ מיט די פיס אונטער זיכ אונ דערצײלט פרײלעכע וויציקע געשיכטעס. כ׳האָב אימ ליב, ווענ ער איז אופגע-לײגט. ער ווערטלט זיכ פראָסט, טמימעסדיק, קינדיש, דער זאָזיקער סיביִרער פארשמירטער טראקטאָריכט.

איצט ליג איכ אינ דרויסנ אינ שאָטנ. בא דער זײַט שלאָפט אלעקסײ מיט א פארוואָרפענעמ קאָפ. ער קאָנ אָבער באלד, אומבא-מערקט זעצנ זיכ אפנ טראקטאָר. כ׳האָב ליב דאָס ניט-ייִדישע אונ פרעמדע אינ אלעקסײס שרײַענ: „גאָלדע“.

די בינטלעכ שטרוי, דער וועג, דאָס גראָז, די זונ — אלצ ארומ אונ ארומ האָט די פארב פונ גאָלד. איבערנ גאָלד איז פארוואָרפנ א געקנײטשטע אונ געדרײדלטע זילבערנע ריטשקע.

ווי פרײלעכ איכ טראכט, בײס איכ ארבעט. ווי פרײלעכ איכ טראכט, בײס איכ רו, ווי גוט דאָס איז.

איכ שטײ אפנ קאָמבײַנ, אונ דער ווינט קרויזט מיר די האָר אָנ. אלעקסײ אפנ טראקטאָר זיצט אויסגעדרײט צו מיר

מיט דער פלייצע, פארנאכט וועלן מיר זיך ווידעראמאָל באָדן אין ריטשקע.

דער מאָטאָר הודעט, און מיר הוידען זיך. וווּהין פאָרן מיר? אלעקסיי זאָגט: היטלערן איבערן האלדז אריבער... איך זאָג, אז אהיים. נאָר ס'איז, דאכט זיך, אלציינס. איינס איז פארפלאָנטערט אין אנדערן. ווען זשע וועט זיך דאָס אלץ אופפלאָנטערן?..

— גאָלדע!.. ג-אָ-אָלדע!..



6. צענ צענטנער ברויט

די שטילקײַט טרעט אָפ פונ קישלאַק מיטאמאָל. אזויפיל שטויב, אז באַם וואסער-גרוב זײַנענ ביידע געהויקערטע ביימער גרוי געוואָרנ. די סענטיאבער-פארנאכטנ לויפנ אָנ גיכ, אפ א שארפ מידבערדיק ווינטל. אינ איינ פארנאכט ווערנ אָפגעטאָנ צוויי ארבעטנ: אי מע פאָרט איבער פונ די גערטנער צוריק אינ די ווינטערדיקע קיביטקעס ארײַנ, אי מע פירט אהיימ פונ אמבאר זעק מיט טוווע — אוואנסנ אפ דרײַ כאדאָשימ ארבעטס-טעג. אמרא, די אמבארניצע, נעמט די וואָג ארויס אינ דרויסנ. דער זאטער זומער האָט די אייזלענ אויסגעקײַלעכיקט, שטייענ זיי אפ קיינ פלאצ ניט אײַנ, הירזשענ, געגעצנ אונ שטעלנ דערנאָכ, מיט דער שווערער מאסע אפ די רוקנס, לײַכטע טענצלדיקע טריט.

אמרא איז אָנגעטאָנ אינ ווײַסנ: א ווײַס קלייד, ווײַסע הויזנ, א ווײַס געבלימט טיכל אפנ קאָפ. זי ווארפט דאָס צינגל אפ דער וואָג מיט א לאנגנ שטאלטנעם פינגער: צוויי צענטנער, אָנדערהאלבנ צענט-

נער, א האלבער צענטער! פוילע וועלן א הונגעריקן ווינטנער האָבן... פלייסיקע נעמען זיך ארום מיט די פולע זעק, ווי מיט לעבעדיקע מישפאָכע-אייגענע. בא די זעק פלאצן די אָנגעשטאָפּטע בייכער. פון דער וואָג ביז צו די אייזלען — גאָלדענע ווייץ-סטעזשקעס. הינער פלאָנ־טערן זיך פאר די פיס. אמרא צעטרייבט זיי מיט א זינגענדיקן גע-שריי: אקיש, קיש, קיש!.. אקיש, קיש, קיש!

הער א מייסע: אפן צווייטן זומער זיינען די „געסט" קליגער געוואָרן. אין דער דרייכאדאָשימדיקער שניט-צייט האָט זיך בא יעדן אָנגעקליבן היפּשע ארבעטס-טעג. ווי העט מען דעם דאָזיקן גרויסן אוואנס אויסשיטן? די גרעסטע ציפער אפן צעטל שטייט, ווי אפצו-לאָכעס, בא דער בעסאראבער מישפאָכע.

פונעם סטעפּ ארָאָפּ גייט מאָרדכע בעסאראבער גלייך אין גאָרטן ארײַן. די קאווענעס און די דיניעס זיינען, נאָך א טאָג, קימאט אלע צייטיק. אפ די פּאפּעשויעס — טונקל רויטע האָריקע מיילער. די מא-כאָרקע האָט זיך צעוואקסן מיט שמאָלע צוויט-בעכערס. ס'איז שוין, הייסט עס, דאָ וואָס צו טראָגן מיט די ביינער. האָט דער אלטער מאָרדכע אויסגעפלאָכטן פון ווייכע צווייגן א האלב-קײַלעכיקע קאָלי-בע און באדעקט זי מיט ערד ווי די קאָליבעס אין בעסאראביע אפ די באשטאנעס. אָט דאָ וועט ער שוין נעכטיקן ביז טיף אין אָסיען אריין.

אין סטעפּ בא דער ארבעט פארגינט ער זיך איצט ניט דער-טראכטן א געדאנק ביזן סאָף. ער לאָזט עס איבער אפ פארנאכט, ווען ער וועט בלייבן איינער אליין מיט זיך און מיטן גאָרטן. צווישן די הויכע צעוואקסענע פּאפּעשויעס באקומט יעדער געדאנק זיינער א ליכטיקן, פריילעכן סאָף.

און אז איבערן גאָרטן הייבט אָן ארָאָפּלאָזן זיך די פינצטערניש, צעשאָקלען זיך די פּאפּעשויעס, ווי לעבעדיקע בענטשן, שטייט דער אלטער מאָרדכע פאר אן אויסגעדארטן, פארגעלטן אוילעם אין דער היים, אין קליינעם בעסאראבער שטעטל, אפן ברעג דניעסטער.

— ברע, אלטער, דערצייל: ווו ביסטו געווענ אינ די פאָר יאָר?.. מאָרדכעס פארוואַקסנ מויל שמייכלט:

— „אלטער"... — דאָס האָט די צײַט מיך אזוי אלט געמאכט!..

ער שטעלט א פאָר טריט אפ צוריק, צעגוידערט זיך, פארציט א ברעמ אונ קוקט זיך אײַנ אינ אוילעמ:

— טפו, צו מײַנע סאָנימס קעפ! מייסימ — ווי איך בינ א ייִד!.. יענע קעסט אפאָנעמ האָט דערלאנגט אײַך דער דײַטש!.. אינ אנ אוזבעקישנ קישלאַק בינ איך געווענ כע, כע... עוואַקויִרט... אפ דער עלטער אופגעזעצט קוואָטשקעס, אויסגעפּיוֹט הינדלעך... אָ, אָ! גענוג זיך אָנגעמוטשעט אפ די וועגנ... אינ די עשעלאָנענ... גענוג איבערגעלעבט. אז מ'האָט באדארפט, איז מענ צופוס געגאנגענ. הויל אונ בלויז. גענעכטיקט מיט דער סעמייסטווע אינ דרויסנ, אינ די וואָקזאל-גערטנדלעך אָ, אָ!.. א ביטערע מילכאָמע געווענ!.. נאָר מ'האָט זי איבערגעלעבט... אוואדע האָט מענ זי איבערגעלעבט!.. אפ דער עלטער געשפּילט א ליבע מיט א גאָרטנ... אלצדינג איז קיינאָרע אופגעגאנגענ אונ אויסגעפּאַרטיקט זיך. קאָוועגעס ווי האָניק. רעטעכער, א ציבעלע, א ביסל קריפּ... ברויט האָט מענ באקומענ, ווי אינ א קאָלכאָז פירט זיך, נאָך די פארדינטע „טעג" נאָך... אלע האָבנ מיר געארבעט אפנ סטעפּ. ס'וײַב, די קינדער... אײַנ עסטערקע, די מעזינקע מײַנע, א לעבנ אפ איר קאָפּ...

די רעדע, וואָס מאָרדכע וועט האלטנ פאר א גאנצנ אוילעמ אינ דער היימ נאָך דער מילכאָמע, האָט איבערגעשלאָגנ טאקע זי, עסטערקע די מעזינקע, א לעבנ אפ איר קאָפּ. זי איז אינ גאָרטנ אויסגעוואקסנ פלוצעמ. מיט דער ריטשקע, דורכנ בארג, האָט זי זיך אראָפּגעלאָזט צווישנ דויכע געדיכטע שטעכלקעס. זי האָט געסאָפּעט. איר גלעקלדיק קאָל איז געווענ פארזאָטנ מיט א כריפּ.

— טאטע... — האָבנ ליפּלעך אָנגעצונדענע א ברי געטאָנ מאָרדכענ אינ שטערנ, — כ'האָב געזענ דאָס צעטל... פונ די אוואנסנ... אריבער דרײַ הונדערט טעג האָבנ מיר!.. מערער פונ אלע!..

דער אלטער מאָרדכע איז א קאַלטבלוטיקער ייִד, גוטע און שלעכטע בסורעס נעמט ער פון טאָמיד אָן אוף מיט דעם זעלבן קאַלטן יִשעוו-האַדאַס.

— מינאַסטאַמ א טאָעס, קינד, האַ? אוואַדע א טאָעס!..

— ניין, טאַטע! מיר האָבן אין דער היים איבערגערעכנט!.. גאָל-דע באַם קאָמבייַנ!.. יעדן טאָג פלעג זי דרייַ „טעג" אויסאַרבעטן!..

— טאַקע?..

— טאַקע, טאַקע!..

אפ מאָרגן האָט זיך געראַשט אין „ייִדישן געסל". ווייַבער האָבן גערעדט מיט גראָבע הייזעריקע קוילעס. ווי אַמאָל? נאָך מיטיק אפ א פריזבע? אין שאָטן באַהאַלטן? ניין! די זון האָט זיך ערשט פון די בערג אַרויסגעדראַפעט. מ'האָט נאָך ניט צונויפגעטריבן די קישלאַקי-שע טשערעדע. באַלד וועט מען אפן סטעפ אַוועק, — האָבן ווייַבער גערעדט גיך, אין איין אָטעם, אפ די פיס שטייענדיק. נישט-פאַרגי-נערס האָבן ליב אָנצופּאַסקודען רעכילעס. פאַר גוטע-פרייַנט איז פרעמד גליק אייגענע פרייד.

— צען צענטנער!

— ווען האָבן זיי דאָס אויסגעאַרבעט, ווען?..

— בעסאַראַבער... האָבן גאָר קיינמאָל קיין קאָלכאָז ניט געזען...

— אייסעך. אָנגעשריבן — אָנגעריבן!..

— ס'רעדט איר? גאָלדענע הענט בא גאָלדענ!..

— האָדל אַרבעט פאַר צענ!..

— און דער אַלטער אליינ... און די אַלטע...

— נו, און שיפרע?

— ברויט מיט קוילעטש אפן ווינטער!..

— נו, און צו ברויט!..

— זאָל זיי וויל באַקומען!.. זאָל זיי וויל באַקומען!..

מאָרדכע איז הייַנט אין סטעפ ניט געגאַנגען. פונעם גאָרטן האָט ער געשפאַנט אהיים מיט א צעשפּאָלטענער צעבלאָזענער באָרד, ער

איז איבער נאכט מיט א קאָפּ העכער געוואָרן. א ליכטיקער, פּארוקט דאָס היטל, צעשפּיליעט, אין שטיוול, האָט איצט דער אלטער מאָרדכע אויסגעזען, ווי עס זעט אויס אין אונדזער פאָרשטעלונג טעוויע דער מילכיקער. א גאנצן טאָג האָט ער געלאָטעט זעק. און אז בראָכע איז פארנאכט פון סטעפּ אראָפּגעקומען, איז ער מיט איר אין שפּייכלער אוועק. מאָרדכע האָט מיטן ווייב, ניט ברויגזנדיק, שוין לאנג קיין שפּאס ניט געמאכט. ער האָט גענומען די באָרד אין דער האנט און ווי פארצווייפּלט, פארפיראָרן געכאָכמעט זיך מיט איר איצט צווייוויטיק:
„איז וואָס זשע זאָגסטו, אלטע, אופכאָוועט א הונט? א הונט איז א בראָכע בא דער שטוב!..”

די זעק מיט טווּע האָבן זיך אויסגעלייגט ווי טרעפּ, איינס אפן אנדערן, ביז צו דער סטעליע ארוף. מאָרדכע האָט זיך אין שוויס געבאָדן. די אלטע מיט די קינדער האָבן די אָפּגעקאָכטע טייגלעך דורכגעמישט מיט זויערמילך. צו מאָרדכען אָבער האָט זיך ניט גע-קלעפּט קיין עסן. מיט א גרוי האָריק האָרץ אין דרויסן, האָט ער אָנגעטאָן דיברילן אפן שטערן און געשפּיגלט זיך אין זשמעניע האלבע צעקייטע ווייצלעך.

— אלטע, — האָט ער די זשמעניע געשטופּט בראָכען אין דער נאָז אריין — נו, אלטע?.. מאָרדכע איז גערעכט, הא?.. מע דארף ניט האנדלען מיט קיין שמאטעס אפּ די מערק...

אין שטוב האָט מען געמאכט ליכטיק. דער אלטער מאָרדכע האָט קאלטבלוטיק-פּאוואָליע ארופגעדראפּעט זיך אפן אויוון און ערגעץ פון אונטערן קוימען ארויסגעשקראָבעט א פארשטויבט טרוקן טינטערל. א פּאָר טראָפּן וואסער האָבן דאָס טויטע טינטערל לעבעדיק געמאכט. מאָרדכע האָט דערנאָך די לויזע צעכראסטעטע ארבל פון העמד פאר-קאטשעט ביז ארופּ, ביז איבער די אקסל אריבער.

„טייערע שוועסטער שיינדל, זיי וויסן, אז מיר לעבן. זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן מיר אייך ניט געהאט וואָס צו שרייבן. שוין דעם דריטן זומער, אז מיר געפינען זיך

עוואקויִרט אינ אנ אוזבעקישנ קאָלכאָז ניט ווײַט פונ דער שטאָט טאשקענט. פונ אונדזער בעסאראַביע ביז אהער — איז פאָלג מיכ א גאנג, נאָר דעריקער—מיר לעבנ, דאָס זעלבע פונ אײַכ צוהערנ, אָמיינ!"

די קינדער האָבנ זיכ איבערגעקוקט מיט דער מאמענ אונ אויס־געדוּשעט א געלעכטער. דעם טאטנס אנ אלטער מינהעג: ווענ סע געשעט עפּעס גוטס אינ דער מישפּאָכע — באלד בארימענ זיכ דער־מיט פאר אמעריקע. אלע האָבנ זיכ ארומגעשטעלט ארומ אָנגעגוי־דערטנ מאָרדכענ. א פארזשאווערטע פענ האָט, ציטערנדיק, אויסגע־קוויטשעט פערלדיקע אויסיִעס.

„... וויִאזוי סע גייט אונדז אצינד מיט דער מילכאָמע, דארפ איכ דיר מינאסטאמ ניט דערציילנ. לייענסט אוואדע אינ די בלע־טער. אינ אײַערע פּייפּערס, ווי דו פלעגסט אונדז שרײַבנ. מע טרײַבט אימ איצטער, דעמ דײַטש, אז סע בלײַבט פונ אימ קיינ סאָרעדעפּאָרע ניט. זײַ זשע דאָרט, שיינדל, וויסנ אינ אמעריקע, אז אינ דעמ-אָ האָבנ מיר אויכ א כיילעק, איכ אונ די סעמיי־סטווע, הייסט עס. שטעל דיר פאָר, וויפל פודנ ברויט, אייגענע האָרעוואניע, אונדזער קאָלכאָז האָט אוועקגעשיקט אפנ פראָנט, אז וועגנ אונדזערטוועגנ אליינ איז נאָכ געבליבנ אנ ערעכ צו זעכ־ציק פוד. אזויפיל האָב איכ הײַנט ארויסגענומענ אפ די אוואנסנ. איכ שרײַב דיר דאָס קעגנ דעמ, דו זאָלסט וויסנ, וויִאזוי מיר מאכנ דאָ איצטער דאָס לעבנ. אונ וויִאזוי ס'איז אצינד אינ דער היימ באמ דײַטש, דארפ איכ דיר מינאסטאמ ניט ארויסשרײַבנ. אז איכ טו אמאָל א טראכט, ווי איכ לעב אפ דער וועלט, אז איכ בינ, דאנקענ גאָט, דאָ אונ ניט דאָרטנ, — צעוויינ איכ זיכ פאר פרייד, ווי א יִידענע".

מאָרדכע שרײַבט, אונ די קינדער לייענענ. די מעזינקע, עסטערקע, האָט אָנגעשפּארט אנ עלנבויגנ אינ טאטנס קני אונ כיינדלט זיכ דאָרט מיט דער לאנגער, צעשויבערטער באָרד זײַנער. בראָכע רעדט עפּעס ארײַנ אינ די טעלער ארײַנ, אינ טאָפּ ארײַנ.

— אלטער נאר!.. — טײַנעט די נאסע שמאטע אירע, — וואָס פאַרשטייט דאָרט דײַן שוועסטער שײנדל אין אמעריקע וועגן אוואנסן, קאָלכאָזן?..

דער „אלטער נאר” הערט אָבער קײנעם ניט. ער ציטערט אויס פערלזיקע דריבנע אויסיעס. אין די אויגן זײַנען בלישטשעט עפּעס. איבער די גערונצלטע באקן, אין דער באָרד אַרײַן, גליטשן זיך שמאָלע נאסע פּאסיקלעך.

עמעס: מאָרדכע ווײנט טאקע פאר פרײד, ווי א ײדענע...



7. די לייטענאנטקע

דער זיבעטער נאָיאבער איז נאָך דאָ א פאָלנער טאמוז-טאָג. אין קישלאק איז יאָמטעוודיק.

דער לייטענאנטקעס פלימעניצע, בעבי, האָט זיך אויסגעפוצט אין א בלוי דורכזיכטיק גרינג קלייד׳ל ווי פון רויך אופגענייט. ווו האָט זי אפירגעזוכט דאָס דאָזיקע גרינע כיינעוודיקע זאָנטיקל? ווייסע הענטשקעס אף די הענט — שאָלעם-אליכעמס שיר-האשירימדיקע בוזי.

אין דער היים קערן איצטער ליאפען רעגנס. ערגעץ טיף אין לאנד סקריפעט שוין א גלעקלדיקער שליטן איבער א פארפרוירענעם שניי-וועג. מענטשן שפאנען בעריש, אָנגעפעלצט, אין ווייכע שטילע וואָליקעס. דאָ איז נאָך אלצדינג הוילע זון. קינדער באָדן זיך נאָקעטע אין שטויב. ביימער לעבן דאָ א לאנג לעבן. דער קלוב איז

באצירט מיט גרינס. דער דאָרפסאָוועט איז פריש אָפגעקאלכט. איבערנ וועג פלאטערנ גאָלדענע אויסיעס אפנ רויטע לײַוונטענע כוואליעס. זעקס אונ צוואנציק יאָר שוינ פונ יענעמ זיבעטנ נאָיאבער אָנ? מע קאָנ זיכ אוועקזעצנ אָט דאָ אינ שאָטנ, אפנ גראָז, לעבנ וואסער-גרוב אונ ביז מאָרגנ, ביז איבערמאָרגנ עפשער, ביז נאָכ עטלעכע מאָרגנס אונ איבערמאָרגנס, אָנדערציילנ זיכ מיט אָנ א שיר פריילעכ-טרויעריקע, טרויעריק-פריילעכע דערציילונגענ.

בעבי טראכט אָבער איצטער ניט אזוי ווײַט. בעבי איז פארנומענ מיט פאָשעטערע געדאנקענ. מ'האָט דאָכ נעכטנ אָפגענומענ קיעוו. קיעוו. באפרײַט קיעוו. איז דער קישלאקישער שטויב אונטער די פיס דעמ קרעשטשאטיקס שפיגלדיקער אספאלט, זילבערט זיכ צווישנ די דאָזיקע גרויע האָרבאטע ביימער ניט די פארגליווערטע נארישע וואסער-גרוב, נאָר דער קלוגער שפילעוודיקער דניעפער. דאכט זיכ, מײַ, פארצוויייאָרנ, האָט זי זיכ צומ לעצטנ מאָל אזוי פארפוצט אינ קיעוו. דאכט זיכ, פארצוויייאָרנ ערשט האָבנ אזוי די צוויי ווײַסע שורעס ציינ אירע ברייט געבלישטשעט אונטערנ זאָנטיקל.

זיבעצניעריקע אוזבעקישע יינגלעכ טרעטנ ניט אָפ פונ בעבינ אפ קיינ איינ שפאנ ניט. דאָס איז דאָכ איצטער אי דער קאָמסאָמאָל, אי די סטאכאנאָווצעס, אי די „קאוואלערנ" אינ קישלאק. אפ יאָמטעוודיקע נײַע טיובעטייקעס, אבער זײַדענע פאסנדיקע טשאָפאנענ, צעשפילט זיכ, ווי אפ בעבינ, גרינס מיט בלאָוס, בלאָוס מיט ווײַס, ווײַס ווידעראמאָל מיט גרינס אונ איבער אלעמענ די גינגאָלדענע זונ-פארב. א שאָד, וואָס פונ דעמ נאָמענ בעביס מאכנ זיי טיל-טעל, די דאָזיקע אוזבעקישע יינגלעכ. זיי מוטשענ זיכ אזוי שוינ אריבער צוויי יאָר, אונ בעבי באקומט זיכ בא זיי אלצ אפ דער לינקער זײַט: „ביבע", ניט „בעבי". עמעצער האָט זיי אויסגעלערנט יידישע ווערטער עטלעכע צומ גראמ, זאָגט עס אויכ איטלעכער פונ זיי אפ דער לינקער זײַט. ניט אזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט, נאָר קאפויר, ווי ער וואָלט גראדע ניט געוואָלט:

איינע דריינע,
ביבע זיינע!..

נאָר ווייסעכ — גאַרישקייטן. אניט איז עס דען אוזבעקיש יונג-ווארג דאָס? אָפּגענומענע קיִעוו — שפּאצירט איצטער בעבי מיט קיִעווער קאָמסאָמאָלצעס איינס אין איינס. זי שפּאנט אין דער מיט, זיי — אין די זייטן. הינטער זיי — בערגלט זיך דער פּאָדאָל. לינקס און רעכטס — דער דניעפּער. ס'איז דאָך עפּעס יאָמטעוו היינט. דער זעקס-און-צוואנציקסטער רעוואָליוציע-טאָג.

— היי, יאטן, א פּראָגולקע, הא!.. איבער דער בריק!.. אפּ יענער זייט דניעפּער אריבער!..

פארזשמורענע די יאטן איינער אפן אנדערן די שמאָלע פּארצויגענע אויגן זייערע. וואָס באלעבעטשעט דאָס מיידל? וואָסער דניעפּער? ווו האָסטו א בריק, ווו?

בעבי לאכט:

— ווייטלעכ, הא?.. בא דער מומען אירער הייסן אלע טייכן דניעפּער, כא, כא... נו, אהין, צו דער סיר-דאריא אונדזערער... שא, ווייסט איר וואָס, העלדן, קומט אזוי א פּאָר קילאָמעטער, אפּ א רעכטן עמעס... ביז צום בריקל... לעבן דער מיל!..

שפּאנט מען. בעבי אין דער מיט, די כעוורע — אין די זייטן. הינטער זיי — בערגלט זיך דער קישלאק. רעכטס און לינקס — אָפּגעשניטענע ברויט-פעלדער. א ריטשקע לויפט נאָך בא דער זייט. מע שפּאנט און מע שווייגט. קיינער ווייסט ניט, אז ניט קיין פּוסטן שפּאציר מאכט איצטער בעבי. אן אייגענער סאָד אירער. זאָל זי אים נאָך אצינדער אויך האלטן? זי גייט דאָך דעם פּלאָנטער אופּפּלאָנטערן. נאָך א שטיק וועג ווערט זי רעדעוודיק, בעבי.

— כא, כא... ארייַנגעגנארט אייַך, יאטנו!.. אין מיל ארייַן צייען מיר!.. די מומע איז נאָך אייערנעכטן אוועק אָפּמאָלן א ביסל ווייץ אפּ יאָמטעוו און איז נאָך ניט צוריקגעקומען... א מעסוקענע ריי דאָרט אפּאָנעם? מירן איר די בסורע פון קיִעוו ברענגען!.. און א

צווייטע בסורע̈... ניט קיינ פרייליכע... גאָר ניט קיינ פרייליכע!..

אפ בעבים פּאָנעמ רוקט זיכ אָנ א כמוזרע. ווו איז אהינגעקומענ די גינגאָלדענע זונ-פארב? ווהינ איז דער ווייסער בליאסק פונ צוויי שורעס ציינ אנטלאָפנ? זי טוט א פארצי דאָס זאָנטיקל אונ שלעפּט אראָפּ די הענטשקעס פונ די הענט. אויב שוינ אָנגעהויבנ, וועט זי דערציילנ אינגאנצנ, מיט א סיידער, מיט אלע פרייליכע אונ טרויעריקע קנייטשנ, מיט אנ אָנהייב.

— איז דערציילנ?..

— דערצייל, דערצייל!.. דערצייל, דערצייל!..

ווער זשע איז זי, אָט די לייטענאנטקע, די כּומע סאָניע אירע?

פאר אונדז — דאָס באקאנטע ווייבל, וואָס פירט אָנ מיטנ קינדערגאָרטנ אינ קישלאק, רעדט אוזבעקיש גלאט, גיכ, גלייכ זי וואָלט געבוירנ געוואָרנ אָט דאָ אפ דער אוזבעקישער ערד אונ ניט ערגעצ אפנ פּאָדאָל אינ קיעוו.

פאר זיי — הייבט בעבי אָנ פונ גאָר וויים, פונ סאמע אָנהייב — קיעוו, דאָס הארצ פונ אוקראינע — א שטאָט א גרינ-בערגיקע, אנ אלטע, מיט סקווערנ א סאכ, אלייענ, קלויסטערס, הינטערגאסנ, די מישפּאָכע פראצער איז אמאָל געווענ א גרויסע אונ צעצוויגטע. יעדע הינטערגאס האָט זי באזעצט מיט פאבריקמאכער אונ שוסטער, בלעכער אונ מולער, שלאָסער אונ עלעקטריקער. הערש פראצער איז געווענ מייסטער אינ א ציגל-זאוואָד. בעבים טאטנס יינגסטנ ברודער, וואָוויקנ, א יונג א גוואר — איז געפעלנ לאָדנ שיפנ באמ דניעפּער. דאָס איז אירער, דער לייטענאנטקעס.

וויאזוי די פראצערס האָבנ געלעבט אינ קיעוו? ביז יענעמ זיבעטנ נאָיאבער — מיעס, געמוטשעט, מיט שועק פונויבנ. דער טאטע פלעג דערציילנ, אז ווענ ער איז יינגלווייז צומ ערשטנ מאָל אוועק אינ ציגל-זאוואָד, האָט די באָבע אויסגעדראפּעט זיכ דאָס פּאָנעמ. זי האָט געקלאָגט, די אלטע, אז ער וועט נאָכ ברענגענ אינ שטוב ארייננ ביילים אומגליק, הערשל. א גאנצע געשיכטע. נאָכנ זיבעטנ נאָ-

יאבער — פעטער וואָוויק איז נאָך געווען דעמלט א שנעק, א גאָר-נישט, אָט אזא ווי זיי איצט, זיבעצן יאָר, שפאנט ער דורך דעם פאָ-דאָל, פונעם דניעפּער צום קרעשטשאטיק ארויף, מיט אלע טרעגער, מיט רויטע באַנטן אפ די אָרעמס, מיט קורצע ביקסן אפ די אקסל, ס'איז שוין זייער קיִעוו, ס'איז זייער וועלט שוין, באטאָג וועט מען אויסלאָדן שיפן, באנאכט וועלן זיי די שטאָט פון שלעכטס פארהיטן.

אזוי פלעג דערציילן דער טאטע.

נאָר גרינג זאָגט זיך עס און שווער טוט זיך עס. אָט איז קיִעוו זייערס, אָט איז דאָס ניט זייער קיִעוו. א פּאָר מאָל אזוי. פלוצעם איז פעטער וואָוויק אריין ווי אין וואסער אריין. מ'האָט טאקע אין אנעמעסן געמיינט, אז אין וואסער אריין. אָפּט פלעג זיך דער דניע-פער דעמלט מיט רויטע כוואליעס צעשפּילן. און אזוי פלוצעם, אין א דריטהאלבן יאָר ארום, קומט ער צו פאָרן, וואָוויק, אין א לאנגן זעלנערישן שינעל, מיט א פארהיילטן כיינעוודיקן שניט איבער דער סאמע נאָז, א מעסוקן ברייטפלייציקער, א רויטער שטערן, אויס-געשניטן אפ א פוטערנעם היטל — א הויכער שטאלטנער קאָמאנדיר, א פאָלנער נאטשאלניק. ווייזט זיך ארויס, אז ער איז פאר דער צייט געווען אין כארקאָוו, געשלאָגן זיך אונטער ראָסטאָוו, אָנגע-שפּארט אזש קיין צאריצין אפ דער וואָלגע. די מישפּאָכע פראצער איז אן אלטע יִדישע מישפּאָכע. אלצדינג איז זי שוין דורכגעגאנ-גען. אלץ איז שוין איבערגעווען אין איר. נאָר א קאָמאנדיר?. פאר נאטשאלניקעס פלעג דאָך פון טאָמיד אָן אפילע דער גרעסטער גי-בער אין דער מישפּאָכע פלאטערן און ציטערן...

אזוי פלעג דערציילן דער טאטע.

אין לאנד איז שטיל געוואָרן. מענטשן אייניקע האָבן זיך אָבער נאָך ניט בארויִקט. פאבריקמאכערס גלוסט זיך ניט נעמען דעם גאָל-מעסער אין האנט. שוסטער ווייסן ניט, צי אצינד ערשט, נאָכן גליק, דארף מען ווידער זעצן זיך אפן שוסטער-בענקל. מוליערס מיינען, אז אויב ניצאָכן, וועלן ווענט הויכע פון זיך אליין איבער נאכט

אופשטעלנ זיכ. פעטער וואָווע האָט געשמייכלט. ער האָט אָפגעגאַרטלט דעמ נאגאנ, דעמ שינעל אויסגעטאָנ, אראָפּגענומענ דעמ שטערנ פונ היטל. „ביז איצט האָט מענ דאָ מיכ געדאַרפט, איצט דארפ מענ מיכ צוריק באמ דניעפער!”

אזוי פלעג דערציילנ דער טאטע.

נאָכאמאָל אָנגעטאָנ ארמייִשע קליידער, מיט קוביקעס דרײַ אפ די לעצלעכ, מיט א רויטנ שטערנ אפנ ארבל, האָט פעטער וואָוויק ערשט דאָ ניט לאנג, פאר א פּאָר יאָרנ ווינטער, בא דער פינלענדישער קאמפּאניע (דאָס האָט זי שוינ אלײנ געזענ. דער טאטע, דער מײַסטער אינ ציגל-זאוואָד הערש פראצער, האָט שוינ ניט געלעבט דעמלט). פונדאנענ — דער נאָמענ לייטענאנטקע. כאסענע געהאט האָט די מומע סאָניע פאר א פּראָסטנ פארייכערטנ פּאָרט-ארבעטער. דאָס האָבנ ווײַבער אינ קישלאק, דאָ שוינ, אָנגעהויבנ רופנ זי אזוי. כאָטש ניט קיינ לייטענאנט איז ער לעצטנס געווענ, נאָר א גווארדיע-קאַפּיטאנ. געפירט שלאכטנ פאר קרימ. סעוואסטאָפּאָל באשיצט. מומע סאָניע ווייסט דאָס נאָכ ניט... נאָר זי האָט דאָכ צוגעזאָגט דערציילנ מיט א סיידער, בעבי, נו, וועט מענ זיכ נאָר אנידערזעצנ אָט דאָ אונטערנ בוימ לעבנ דער ריטשקע אָפּרוענ זיכ א ביסל...

דאָס זאָנטיקל הענגט בעבי אפ א צווײַג אופ, טוט שיכ אונ זאָקנ אויס, פארהייבט א ביסל דאָס קליידל, זעצט זיכ אינ גראָז אוועק אונ שטעלט ביידע פיס אינ וואסער ארײַנ. די קאָמסאָמאָלצעס צעלייגנ זיכ אינ ביידע זײַטנ ריטשקע פאוטראכטע. אפ א געלעכטער א שפּאציר געמאכט, אונ ס'האָבנ זיכ באקומענ ערנסטע אָקטיאבער-דערמאָנונגענ... די מיל זעט מענ שוינ אָנ. נאָר דעמ בארג אראָפּלאָזנ זיכ אונ אונטנ אינ טאָל פארבייגנ זיכ דערנאָכ רעכטס, אי־בערנ בריקל אריבער. מע הערט שוינ אפילע פאלנ דאָס וואסער. די מיל זעט מענ אָנ — קליינ, פארביק, ווי א שפּילעכל. מיט די דרײַ ביימער בא דער זײַט, מיט די געפּענטעטע אייזלענ אינ דרויסנ, מיט דער הילצערנער וואסער-קאָרעטע, מיט די זעקלעכ מעל, מיטנ ווײַסנ

מילנער אפ דער שוועל — אלצ ווי אויסגעקלעפט פונ קארטאָנ, אָפגעפארבט אונ אפ א גרינעמ טיש אוועקגעשטעלט.

— איז דערציילנ, יאטנ?

— דערצייל, דערצייל!.. דערצייל, דערצייל!..

...איז אזוי, הייסט עס, ווענ די מאמע איז איר געשטאָרבנ, איז זי נאָכ געווענ א פיצל, בעבי, א זויג־קינד. לאנג שוינ, נאָכ אינ די ערשטע הונגער־יאָרנ. קיינ בילד אפילע פונ זיכ ניט איבערגעלאָזט. זי קענ איר פּאָנעמ ניט, ווי זי קענ ניט די פּענעמער פונ ביידע זיידעס, ביידע באָבעס, פונ א סאכ אנדערע פראצערס, וואָס זיינענ ווער אינ דער צייט, ווער פאר דער צייט, פונ דער וועלט געגאנגענ. מיטנ טאטנס טויט איז פאָרגעקומענ אויסטערלישס: צוויי ברידער — וואָוויק אונ הערשל, ווינטערט איינער אָפ אפ די פינישע מוירעדיק־פראָסטיקע אָזוערס אונ קומט צוריק א זיגער, ניט מיט קיינ נאָגל אפילע קיינ גערירטנ. דער צווייטער — אינ דעמ זעלבנ יאָר, אינ אייגענעמ בעט, זומער דאפקע, לייגט זיכ אוועק אפ א פּאָשעטער פארקילונג אונ הייבט זיכ ניט אופ מער. וואָס האָט פעטער וואָוויק ניט געטאָנ, ער זאָל זי טרייסטנ, בעבינ? מיט וואָס האָט מומע סאָניע ניט געפרווט דער פלימעניצעס טרערנ פארהאלטנ? זי איז איבערגעגאנגענ וווינענ מיט זיי. אומגליק ווערט פּאוואָלינקע פארוואקסנ... א ווינטער האָט זי אָפגעארבעט פאר א טאבעלשטשיק בא וואָוועג אפנ דניעפער. אָנהייב זומער איז זי מיט דער מומע סאָניענ, מיט די קינדער אירע זיכ דורכגעפאָרנ צומ שווארצנ יאמ, אפ אָפרו.

א זעקס—זיבנ טעג האָבנ זיי באוויזנ אָנצובראָטנ זיכ אינ זאמד באמ ברעג יאמ... ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ... די ערשטע וואָכ — אונ ס'איז שוינ שווער געווענ דערשלאָגנ זיכ קיינ קיעוו... פעטער וואָוויק איז אינ שטאָט ניט געווענ... צומ יאמ האָט ער זיי געהאט א דעפעשע אָפגעשיקט. די זעלבע ווערטער — איבערגעלאָזט אינ דער היימ, אינ אלקער זייערנ: „טייערע, דאָס היימלאנד רופט ווידער!.. אויב ס'וועט אייכ אויסקומענ ערגעצ דירנ זיכ, ווארט פריער אפ א

בריוו מייַנעמ. זאָרגט ניט, אלצ וועט נאָכ ווידער גוט זייַנ...״ בריוו זייַנענ אָנגעקומענ פונ דניעפּראָפּעטראָווסק. בריוו — פונ אָדעס. דערנאָכ האָט מישפּאָכע פּראצער א צעוואָרפ געטאָנ זיכ איבערנ גאנצנ לאנד. איינער — אינ ווארעמענ טאשקענט, דער צווייטער — אינ קאלטנ נאָוואָסיבירסק, אפ אורל, אינ קאווקאז. דאָס לאנד איז גרויס אונ גאסטפרייַנטלעכ, נאָר גיי זוכ זיכ אָפּ. מומע סאָניע האָט געוויינט אי אפנ פּארלוירענעמ קיִעוו אי אפנ מאנ דעמ פּארלוירענעמ. מיט וואָס האָט די פּלימעניצע בעבי ניט געפּרווט דער מומעס טרערנ פּארהאלטנ? וואָוויק איז אי אינ שלאכט געגאנגענ אי אָנגעפרעגט זיכ אינ אלע עוואקאָפּונקטנ. אינ א יאָר ארומ איז אימ קיינ סעוואסטאָפּאָל אָנגעקומענ דעמ ווייַבס אדרעס. קיינ בריוו האָט ער אָבער ניט באוויזנ אָפּצושיקנ. דער פּאָלקאָווניק זייַנער האָט עס געטאָנ פאר אימ. א שיינער אָנגענעמער בריוו, נאָר א מעסוקנ טרויעריקער. א מעסוקנ טרויעריקער...

בעבי ווערט א מינוט אנשוויגנ. אויכ די יאטנ ארומ איר שווייַגנ. זי לאָזט די אויגנ אראָפּ אינ וואסער אונ דערזעט זיכ אנ אָנגעכמורעטע אונ פינצטערע. מיט די נאסע פיס צעקלאפּט זי דאָס פּאָנעמ אירס.

... מענטשנ האָבנ, ווייַזט אויס, בעסער ליב מיטרויערנ איינער מיטנ אנדערנ, איידער מיטפרייענ זיכ. אפ א גליקלעכנ טרייַבט מענ רעכילעס. אנ אומגליקלעכנ לויפט מענ טרייסטנ... ווייַבער אינ געסל האָבנ דעמ בריוו איבערגענומענ אונ די הענט פארבראָכנ, געריסנ זיכ די האָר פונ קאָפּ: „ווײ איז אונדז. כאָלילע סאָניענ ניט אויסזאָגנ. אזא אומגליק!..״ שוינ אריבער א יאָר אזוי. שוינ אריבער א יאָר, אז אָט די פריילעכע בעבי שלאָפט איינ נאכט ניט דורכ. וויפל איז דער שיר אליינ זיכ אָפּצונארנ? די מילכאָמע וועט זיכ דאָכ סייַוויסייַ סאָפּקאָלסאָפּ ענדיקנ... א ביסל וועלנ זיי אויסוויינענ זיכ אינייַנעמ, א ביסל וועלנ זיי שטאָלצ זייַנ, וואָס וואָוויק איז אזוי שיינ אומגעקומענ... זי פלעג דאָכ אליינ זאָגנ, מומע סאָניע: מע זאָל כאָטש קיִעוו אָפּנעמענ... ניט נאָר קיִעוו — אונ טאשקענט, אונ נאָוואָסיבירסק, אונ קאווקאז, אונ אורל — אלצ וואָלט אינ ראָצכישע הענט געווענ.

ער איז ניט דער איינציקער, פעטער וואָוויק... עס מוז דאָך אזוי געשענ!.. אָפּגענומענ קיִעוו, וועט דער וויטעק זײַנ א שטילערער. די פרייד וועט שלינגענ דעמ טרויער, טריקענענ די טרערנ... איז הײַנט ניט דער פאסיקסטער טאָג, הא, יאטנ?..

בעבים אויגנ ווערנ אפ אמאָל פײַכטער, קײַלעכיקער אונ בלי-שטשענדיקער. זי שפאנט ארויס פונ דער ריטשקע, כאַפּט גיכ אראָפּ דאָס זאָנטיקל פונ צווײַג, אונ מיט שיכ אונ זאָקנ אינ די הענט, דאָרפיש, נעמט זי גיכ-גיכ אראָפּלויפנ דעמ בארג.

די אוזבעקישע יאטלעכ טרעטנ ניט אָפּ פונ בעבינ אפ קיינ איינ שפאנ ניט.

די מיל נאָענט:

א פאָשעטע ליימענע קיביטקע, וואָס האלט אינ איינ ציטערנ, אינ איינ הוידענ זיכ, אינ איינ בלאָזנ פונ זיכ, אָט-אָט צעפאלט זי זיכ, אָט-אָט שווימט זי מיט דער ריטשקע אראָפּ, אָט-אָט בלײַבט איר מיט נישט אָפּגעמאָלענע ווייצנ אינ די זעק. מעל-שטויב פאלט אפ א מײַל די ווײַט אונ מאכט אלצ ארומ גרײַז-גרוי. הינט — צוויי, פעטע, געהאָ-דעוועט אפ אָפּפאל, ליגנ באמ ארײַנגאנג מיט רויטע צונגענ אינ דרויסנ, שאָמרימ, סאָפּענ פונ היצ אונ פוילנ זיכ א ביל צו טאָנ. ערגעצ אינ א זײַט סאָכרעווענ אוזבעקנ מיט מעל אונ מיט רײַז, וועגנ, ציילנ, בינדנ אײַנ דאָס געלט פעקלעכווײַז, אינ קאָלירטע פאטשיילעס ארומ בויכ, פאָרנ אָפּ אפ אייזלענ אונ דערמאָנענ אינ די יישמאָעלישע סאָכרימ פונ כומעש. דער מילנער איז א קורצער אונ א גראָבער. קוימ וואָס ער דירט זיכ. קיינ פאָנעמ זעט מענ בא אימ ניט. ווו איז דער פאָרנט זײַנער אונ ווו איז דער הינטנ, אז ארומ אונ ארומ ליגט עפשער א פוד מעל אפ אימ? ניט ער איז עס אפ דער שוועל, נאָר זי אליינ גאָר — די לייטענאנטקע. דאָס איז זי אזוי פונ קאָפּ ביז פיס גרוי גע-וואָרנ. די האָר אירע האָבנ זיכ מיטאמאָל אָפּגעזילבערט. זי וועט זײַנ א כיינעוודיקע אלטע, מומע סאָניע...

וואָס זשע לויפט עפּעס בעבי אזוי צעטראָגנ, האלב יאָמטעוודיק, האלב וואָכעדיק? ווינד אונ וויי. וואָס פאר אנ אומגליק איז געשענ?..

בעבי פליט אָנ מיט צעשפּרייטע הענט ווי א פויגל. א מאכנע יעגער, מיד, פארשטויבט, פארסאָפּעט, קומט צו לויפנ הינטער איר.

— קיִעוו, מומע, קיִעוו!..

— טאקע? ווענ? א מאטאָנע אפ יאָמטעוו?..

— א מאטאָנע אפ יאָמטעוו!..

די זילבערנע זקיינע באקומט א פּאָר יונגע בריליאנטענע אויגנ. ווו איז זי, בעבי? א פּערל איז געבליבנ הענגענ צווישנ די וויִעס אירע אונ די ריִע איר פארטונקלט. די מומע כאפּט קושנ די פּלימע-ניצע אונ טוט זיכ א צעדריי מיט איר. אינווייניק שרייַענ די מיל-שטיינער, רייַבנ זיכ פּוסטע איינער אפנ אנדערנ, אונ קיינער שיט קיינ קערנדלעכ ניט אריַנ. אינ דרויסנ האָט די גאנצע מיל ארומגע-רינגלט דאָס פּאָרל. דער מילנער איז שטיינ געבליבנ אומגעלומפּערט, פארגליווערט ווי א שניימענטש. די פּאָר קויל-שווארצע אויגנ, דער בלייַשטיפט אינ מויל, גיבנ דעמ שניימענטשנ צו גאנצקייַט אונ פאר-ענדיקטקייַט. נאָר די כאווײרימ בעביס, די יונגע אוזבעקישע יאטלעכ, קוקנ זיכ שטומ איבער, זשמורענ איינער אפנ אנדערנ די שמאָלע פּארצויגענע אויגנ זייערע: אונ דער סאָפ? אונ ווייַטער? אונ איצט וואָס? ווייַטער?..

נאָר צו וואָס ווייַטער, לייענער ליבער? לאָמיר דאָ בעסער שטיינ בלייַבנ. מיר קענענ דאָכ דאָ פארענדיקנ אָט די טרויעריק-פריילעכע, פריילעכ-טרויעריקע קורצע דערציילונג אונדזערע...

1944

8. דרײַ זומערס

ווידעראַמאָל פֿרילינג. שוין דער ווײַפֿלטער?

יונגע ציגעלעך שפּרינגען ווידער אום אױף לײמענע פּאַרוואַקסענע דעכער, צופּן דאָס גראָז און ווײסן ניט, אַז ערשט פֿאַראַיאָרן, פּונקט אַזױ-אָ, אָן זאָרג, נײַ-געבוירנע, כײנעוודיק, האָבן די מוטערס זײערע אומגעשפּאַצירט אױף די זעלבע דעכער, געדראַפּעט זיך איבער די זעלבע פּלױטן, און הײַנטיקס יאָר זײַנען זײ שוין גאַנצע דאַמעס ערנסטע, האָבן שווערע צעפּאָרענע אײַטערס און דעם גרויסן אָל פֿון טשערעדע, מילך, וואָל און פּיצלעך זויגקינדער.

ווידעראַמאָל קוואַקען זשאַבעס אין גרין געוואָרענער וואַסערגרוב.

אין יעדן טאָל און אױף יעדן בערגל שטײען פֿאַרמאָרעשכוירעטע אײזלען, מאַלעגײרען די פּאַשע מיט אַזאַ וואַזשנער פּאַרטיפּטקײַט אין

די פּענעמער, גלײַכ זיי וואָלטנ כאָטש מאלעגיירעט עפּעס רעכטס אונ ניט קיינ געוויינלעכע יונגע שטעכלקעס.

סמאדעס שאָפּ מיט הויכע פּעטע הינטנס נידערנ אראָפּ צום וואַסער, הייבנ זיכ דערנאָכ אופ אינ די בערג צו דער קיל, טוענ די דאָזיקע טאָג-טעגלעכע ארבעט זייערע מיט גרויסע יעלאָלעדיקע שכיטע-געשרייענ.

ווידער שטויב, ווידער היץ, ווידער פּרילינג.

אינ אייניקע ווינקלענ — דער פּייזאזש א ווינטערדיקער. אינ טאָל צווישנ די ווײַנגערטנער שטייענ די צעצוויטע אוריוק-ביימער, מיט ווײַסנ שניי אָפּגעשיטע. לויפט אָנ א ווינטל אינ טאָל, בלאָזט עס די שנייעלעכ אָפּ פונ די צווײַגנ, הייבט זיכ אופ א זאווערוכע צווישנ די ווײַנגערטנער. פּראָסט האָט זיכ אינ די לעצטע ווינטער-כאדאָשימ פארפלאָנטערט אינ נאָכעם פּאטלאזשאנערס פארדרייטע וואָנצעס אונ וועט זיכ שוינ קיינמאָל מער ניט אופּפלאָנטערנ. מאָרדכע בעסאראבערס געשויבערטע באָרד האָט פארלוירנ דעמ אויסזענ פונ א באָרד — א שטיק אײַז א זילבערנס הענגט אראָפּ פונ מאָרדכעס געמבע. כאַווער בראָווער ווידער האָט דעמ ווײַסנ קאָפּ זײַנעמ געשוירנ אונ געשוירנ, געגאָלט אונ געגאָלט אונ דעמ געפאלענעמ שניי פונ קאָפּ ניט אָפּגעשוירנ, ניט אָפּגעגאָלט.

דערפאר איז אָבער אכנ הארצנ פּרילינגדיק: אינ די לעצטע עטלעכע טעג האָט מאָרדכע בעסאראבער געקריגנ א נײַעמ צונאָמענ אפּ דער עלטער, א שווערנ, א לאנגנ, א מאָדנעמ, נאָר א שיינעמ אונ א שטאָלצנ צונאָמענ: „גאָסודארסטווענע גראניצע". צום סטראטעגישנ וויקועכ, וואָס בראָווער פירט מיט פּאטלאזשאנערנ שוינ בא די דרײַכיק כאדאָשימ, האָט זיכ מאָרדכע בעסאראבער דײַקע קיינמאָל ניט געמישט. וואָס ט'ער זיכ גיינ שפּארנ וועגנ זנאמענקע אונ זשמערינקע, אז אויב ער איז דאָרטנ בעסאכ-קל שוינ יאָ דורכגעפאָרנ, האָט מענ מיסטאמ דעמ עשעלאָנ זייערנ פארוקט ערגעצ אפּ א זיבנ-אונ-זיבעציקסטער באנ-ליניע, דער רועכ ווייכט ווו. נאָר איצטערט-אָ, אז מ'איז

שוין צוגעקומען צום דניעסטער, מ׳האָט שוין אָפּגענומען זײַן פּלאָרעשט, זײַן קאַפּרעשט, מע גייט שוין צו זײַן קישעניעוו, מ׳איז שוין בײַ זײַן פּרוט... ער איז ארויס פון די קיילים. ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, מאָרדכע. מיילע, האָט אוילעם א ביסל א לאַך געטאָן. ווען האָט אָבער מאָסקווע פון גאַנצע דרײַ הונדערט פיר און צוואַנציק „אַרטילעריעס" אויסגעשאָסן?.. ער היצט זיך, מאָרדכע, און דאָס זילבערנע שטיק אײַז אונטער דער געמבע צעפּאַלט זיך אף זעקס. ערשטנס, איז דאָס קיין שפּעטנע צונאָמען ניט. צווייטנס — זאָלן די סאָנים אַזױפיל גע־דויערן, וויפל דער צונאָמען וועט געדויערן. ווער וועט אים דען פאַרגינען, ווער? און ווידער — אָט דאָס איז עס שוין, אָט דאָ בלײַבט מען שוין? די ליפּן זײַנע ציטערן, מאָרדכעס:

— אוילעם, דאָס שיינע הייבט זיך ערשט אָן!.. מע וועט גיין אף יאַס, מ׳עט נאָך זײַן אין גאַלאַץ, אוילעם!..

— הײַנט דאָס דאָזיקע, ווי הייסט עס דאָרטן, פּלאָעשטי?..

בראָווערס לאָשן איז פאַרלעגערט און געבראָכן ווי בײַ א כוילע־מעכוקן. מיט אַלצדינג האָט זיך טאַקע באַקומען, ווי ער האָט גע־וואָלט: אי מיטן ניצאָכן, אי מיטן איבערלעבן, אי מיטן אַהיים פאָרן, נאָר פאַרוואָס איז עפּעס פונעם זון, פון יאַנקלען, שוין א זעקס־זיבן וואָכן קיין בריוו נישטאָ? פונקט איצט? פּע!.. וויפל די גאַנצע וועלט איז געשטאַנען אין א סאַקאָנע, זײַנען מיר אויך געווען אין קאָן. אָבער איצט? וואָזנעסענסק בראָווערס איז דאָך שוין אויך בײַ אונדז. הײַנט־מאָרגן גייט אָדעס אפן צעטל. א האַלבער קישלאַק פאָרט שוין אַהיים. פונקט באַם סאָף באַנאַרישן זיך אין די כאָכמעס? פּע, יאַנקל!..

נאָכעם פּאַטלאַזשאַנער מיט איין אויג א צוגעמאַכטס בלאָזט אָן אַרום זיך א טשאַדנעם האַרבן מאַכאָרקע־רויך. דאָס שטיק גראָבע פּאַ־פּיר פון ציגאַר טוט א פלאַקער צווישן די פינגער זײַנע פון איין עק צום אַנדערן, נאָר ער זעט ניט דעם פלאַם און פילט דאָס פײַער ניט. מיטן אָפענעם אויג איז ער ערגעץ ווײַט־ווײַט, און דאָ, נאָענט, קנייטשט ער דאָס פאַרמאַכטע. דער גאַנג איז אים עפּעס איצטער קאָ־

שע, פּאטלאזשאנערנ. צו וואָס איז מענ אוועק אהינצו, אז מ'האָט גאָר געקאָנט א גיי טאָנ אהערצו? שטיי נאָר! ווו איז וויניצע אונ ווו איז קאמענעצ-פּאָדאָלסק? וויאזוי איז מענ פלוצעמ ארײַנ קיינ טשערנאָוויצ?

— בראָווער, מע נעמט אימ אינ קלעמ!.. ער'ט אנטלויפנ פונ אָדעס אינ די מײַטקעס, בראָווער!..

נאָר גראָד איצט, ווענ פּאטלאזשאנער גיט זיכ אינגאנצנ אונטער, גייט עס בראָווערנ ניט אינ קאָפּ ארײַנ. ער טוט א זיפצ, דער אלטער, א שווערנ טיפנ זיפצ, טאָמער, כאסוועכאָלילע... די שנור, ריווקע... די דרײַ פּיצלעכ קינדער... גרויסע טראָפּנס שווייס זעצנ אימ אפנ געלנ געשרונצלטנ שטערנ ארויס, פונעמ שטערנ — אפ א הארטער אײַנגעדארטער דלאָניע, צווישנ די פינגער. ער נעמט זיכ אינ די הענט ארײַנ, דער אלטער.

— אזוי-אזוי, פּאָרט, הייסט עס, די ניקאָנענקעכע אהיימ הײַנט? אונ די בערדיטשעווקיס? אוווא!.. געקומענ די לעצטע אינ קישלאק אונ פּאָרנ אָפּ די ערשטע. וואָס זשע שטייענ מיר דאָ, נאראָנימ, קומט זשע צו אהינ, צו זיי!

מיט די צוויי דריטע טעכטער זײַנע, מיטנ הינקעדיקנ ווײַב אונ מיט די קינדער די טעכטערס האָט שלוימע בערדיטשעווסקי אָפּגעשטעלט זיכ אינ טאשקענט, געשוירנ שאָפּ אינ בוכארער געגנט, אינ פערגאנער טאָל פּרוכטנ געטריקנט, געארבעט אינ א בוימוואָל-סאָווכאָז, אונ ווער ווייסט, וווהינ ער וואָלט נאָכ געווענ אָנגעשפּארט, דער דאָזיקער שלוימע בערדיטשעווסקי, ווענ דער דײַטש זאָל נאָכ, כאָלילע, אײַנ ווינטער געווענ בערדיטשעוו האלטנ.

אפ דער „טעראסע", פונקט קעגנאיבער כאדזשי-מושקענטער שאָסייווע, אינ א ווינקל, זיצט די ניקאָנענקאָ, ארײַנגעזעצט אינ פּעק, אײַנגעקאָרטשעט, זויער, ווי ווינטער אפ א באנסטאנציע. מיקאָלקע אונ מיקיטקע ווילנ ניט וויסנ, אז די אויגנ קריכנ שוינ באלד ארויס אפ א באשינ וואָרטנדיק, אונ פּארוועטנ זיכ דאָ צומ לעצטנ מאָל, ווער

ס'וועט גיכער צולויפֿן צו די בערגלדיקע קוואָרים אפֿן אוזבעקישן בעסוילעם. שרײַט די ניקאָנענקאָ: „כלאָפּצי, באַטשטע, טשויעטע, כלאָפּצי!..״ און ליפּן האָט זי גרויסע, צווייענדיקע, מיקאָלעס און מיקיטעס אײַנגעשרומפּענע מאמע, איז דאָס געשריי אירס גרויס און פֿליישיק, אפֿ איבערצושרעקן זיך, ווי פֿון צוויי פּאָר ליפּן ארויס.

אפֿ דער טעראַסע אין א צווייט ווינקל, אפֿ צווייטע פּעק, וואַרטן די בערדיטשעיוסקיס.

דער אײַנגעדאַרטער, פֿאַרמאָרעשכוירעטער, שווערער שלוימע איז פֿלינק איצטער, אויסגעפּוצט און ווערטלזאָגעריש. ווו האָט ער אָפּגע־זוכט די אָפּגעפּוצטע שטיוול, דעם גלאַנציק-זײַדענעם שנור אפֿן העמדל, די דאָזיקע גיכע וויציקע רייד זײַנע? קעגן דער ניקאָנענקאָ, אין איין שורע, זיצט דאָס הינקעדיקע ווײַב שלוימעס, פּונקט אזוי-אָ אונטער־געשפּאַרט מיט פּעק, אזוי-אָ אָנגעצויגן, פֿאַרפּאַליעט, גרייט, ווי א מעכּוטענעסטע קעגן א מעכּוטענעסטע. זאָל דער באַדכן נאָר די גראַ־מען אָנהייבן, וועלן ביידע אפֿ איין קאָל, מיט איין ניגן, טאָן זיך א צעכליפּע, די ווײַבער די צוויי. אין שטוב איז דאָס ליימענע „מעבל״ שוין צעוואָרפֿן, די פֿענצטער — ארויסגעשלעפּט, דאָס געשיר אין די פּעק פֿאַרפּאַקט. פֿייגל און פֿריידל, די צוויי האַלבאַלמאָנעדיקע רויטע טעכטער בערדיטשעווסקיס, זידן אופֿ א טשײַניק טיי אפֿ ציגל, איינע אין דער זײַט פֿײַער, די אנדערע אין דער אנדער זײַט פֿײַער, און די פֿענצמער זייערע זײַנען איצטער רויטער און פֿאַרפֿלאַמטער, ווי סע וואָלט אפֿ זיי א שײַן געטאָן א רויטער זונפֿאַרגאַנג. טיי טרינקט מען שוין פֿון א סלוי, שוין אפֿ די פּיס שטייענדיק, הוילן אָקרעפּ, ניט קיין טיי, נאָר אָן קריוודע און אָן כּידעש, אקוראַט ס'וואָלט גאָר ניט געווען קיין דרײַ יאָר אין דער מיט, נאָר ס'איז נאָך פֿאָרגעזעצט יענער ערשטער וועג, וואָס מ'האָט אים אָנגעהויבן אין בערדיטשעוו און מע דאַרף אים אָן אָפּשטעל, פֿאַראַקשנט, ענדיקן אין בערדיטשעוו.

דאָס הינקעדיקע ווײַב שלוימעס ברעכט פּיסקעס:

— ס'זאָל כאָטש ניט פֿליִען קיין באָמבעס אויפֿן וועג, פֿינצטער איז מיר!

— בעהיימע!.. — ענטפֿערט איר שלוימע שמייכלענדיק, ווי ער וואָלט איר געזאָגט: „כּיִעס מײַנס", כאַפּט מאָרדכע בעסאַראַבערס באָרד אין די הענט און הייבט אָן דערציילן א פּאַסירונג מיט א בעסאַראַבער ייִדענע, וואָס מ'האָט בא איר אין קראַסנאָוואָדסק אין פּאָרט א „גלאָווניע" רענצל צוגעשלעפּט. פֿרעגט מען בא דער ייִדענע: „מומע טײַערע, וואָס האָט איר אַזשטייגער פֿאַרמאָגט אינעם גלאָווניעם רענצל?" „אינגאַנצן, פֿינצטער איז מיר!" כליפּעט די ייִדענע. „וואָס זשע האָט איר עפּעס אַרײַנגעלייגט אינגאַנצן גראָד אין יענעם רענצל?" „אומיסטן! ס'איז געווען אַן אָפּגעריבן רענצל, ווינד איז מיר..." „זע נאָר לײַטישע גאַנאָווים: גענומען בא אײַך אַן אָפּגעריבן רענצל!.." „הערט איר דאָך אָבער, אַז ס'איז געווען דאָרטן אינגאַנצן, פֿינצטער איז מיר!.." מאָרדכע לאַכט מיט א האַלבער באָרד, א האַלבער ליפּ, א האַלבער נאָז, איין אויג, ווי א פּאַראַליזירטער. וועלן טאַקע נאַראָנים נאָך דער איצטיקער מלחמה אויך ניט קליגער ווערן?..

די שלוימיכע לאָזט זיך ניט. איבערן אוילעם אַריבער פּאַרײַסט זי דעם קאָפּ צו דער ניקאָנענקאָ און טײַנעט דורך איר מיטן מאַן אירן:

— לאָקש ווײַסטער, וואָס'ט זיך אַשטייגער פֿאַרפּוצט אין די בלויע הויזן! האָסט שוין די אײדעמס אָפּגעזוכט? ס'ווײַב איז דיר גלײַך געוואָרן?..

ווי א שיף א גאַנצע לאָזט זי אַרויס פֿון זיך א לאַנגן פּײַפּנדיקן יאָמער. דער יאָמטעוודיקער שלוימע איז שוין ווידער וואָכעדיק, ווידער אײַנגעדאַרט, פֿאַרמאָרעשכוירעט ווידער. וואָס קאָן מען טאָן קעגן א ווײַבס טרערן? נאָר איצטער־אָ, איצטער־אָ טרערן גאָר?..

אין דרויסן איז נאָך גאָר פֿרי. ניט לאַנג איז די זון אַרויס, ערגעץ אין הימל שטייט נאָך א גרויסע לעוואָנע א פֿאַרשעמטע. פֿונעם וועג, אויפֿן בערגל אַרויף, קומט אָן א היגער געדרייִדלטער ניגון.

יולדאש נאסרעדינ, דער מילכאָמע-אינוואליד, באוויַזט זיך אַפֿ א פֿערד רײַטנדיק. א גאנצע נאכט איז ער אומגעפֿאָרנ אַפֿ די פֿעלדער. ער איז פֿאָרזיצער אינ דאָרפֿסאָוועט איצט, נאסרעדינ יולדאש, דאָס פֿערד גייט טריט בא טריט, פֿריַ געדריידלט, ווי דער ניגנ דעמ רײַטערס.

„אָליס יולדאנ קעלאמאנ...״

„פֿונ א וועג א ווײַטנ קומט ער, הײַסט עס, צו פֿאָרנ. די פֿא-טשיילע איז מיט בלוט אימ פֿארפלעקט געוואָרנ״. די אויגנ יולדאשס זײַנענ רויט, אונ מיד: אינ קאָלווירט גייט די פֿרילינגדיקע פֿארזיי-קאמ-פֿאניע. דער ניגנ מאכט שלעפֿעריק, צומ פֿערדס זאָטל זײַנענ צוויי הילצערנע קוליעס צוגעבונדנ. „ער האָט אינ א הייסנ שלאכט באטיי-ליקט זיך, ער האָט אינ א הייסנ שלאכט געהייליקט זיך״.

נאָכעמ פֿאטלאזשאנער, כאווער בראָנוער אונ מאָרדכע בעסא-ראבער באגריסנ דעמ פֿאָרזיצער מיט גרויס אָפּשיַ. שלוימע בערדי-טשעווסקי דרייט אפּגיכ אָנ די טעכטער זײַנע, זיי זאָלנ א שפּרונג טאָנ צומ „קאָפּ״: אזוי אונ אזוי, שוינ אריבער א מעסלעס מיט א מאשינ אָפּגעערדעט, פֿערד זײַנענ טאקע טײַער איצט, סע ברענט אינ קאָלווירט, אָבער עפּשער גיט ער פֿאָרט א פֿור, דער טאָוואַרישטש פּרעדסעדאטעל?

— נו, מוידנ!.. ער איז באלד ווידער נישטאָ... רירט אײַך!..

נאָר ביז פּייגל אונ פֿריידל, איינע אינ איינ זײַט פֿערד, די אנ-דערע אינ דער אנדערער זײַט פֿערד, הייבנ אָנ ארויסלייגנ די גאנצע געשיכטע נאסרעדינענ, דערהערט זיך א פֿײַפֿ אינ קישלאק, מיקאָלקע אונ מיקיטקע לויפֿנ אָנ פֿונ בעטוילעמ מיט א פֿרייד: „די מאשינ פֿאָרט! די מאשינ פֿאָרט!״ כמארעס שטויב פֿארשטעלט די זונ. הינער פֿליִענ איבער פּלויטנ. קראָענ קראקענ. אייזלענ צעבריקענ זיך, ווי מע וואָלט פּלוצעמ אָנגעהויבנ שיסנ אינ דאָרף.

דער שאָפֿער איילט זיך. א שטורעמ הייבט זיך אוף אַפֿ דער טעראסע. וועלכע פּעק זײַנענ דער ניקאָנענקאָס, וועלכע די בערדי-

טשעוסקיס? מאָרדכע בעסאראבער, מיט פארקאטשעטע ארבל, כאפט א טאָרבע מעל אפ די הענט, פארשמירט זיכ ווי א רועכ אונ הייבט אָנ געראָטנ ווערנ אינ א בעקער־יונג, ניט אינ מאָרדכע בעסא־ראבער.

פייגל אונ פריידל מיט די קינדער אפ די הענט, ווי פאר־בלאָנדזשעטע, דרייענ זיכ לעבנ דער מאשינ אהינ אונ אהער, ארומ אונ ארומ אונ קאָנענ זיכ בעשומ-אויפנ ניט דערדראפענ צו איר.

שלוימע בערדיטשעווסקי געפינט דאָס פארלוירענע היטל זייַנס. כאווער בראָווער דערהערט פונ שאָפער, אז מ'האָט די נאכט אָדעס אָפגענומענ, צעקושט ער זיכ מיט דער ניקאָבענקאָ, כאפט ער ארומ א פרעמד ווייַב א הינקעדיקס. אָרדענונג אפ דער מאשינ מאכנ מיקיטקע אונ מיקאָלקע.

נאָכעמ פאטלאזשאנער באקרעכצט די טייַערע אויוונס אינ די ליידיק געוואָרענע שטיבלעכ אונ ברענגט פונ דאָרפ צו טראָגנ א פאָר פארזשאווערטע לעפל אינ א טעלער א געפלאצטנ.

שלוימע ציט דאָס ווייַב ארופ אפ דער מאשינ ווי פונ א מעסו־קענער טיפקייַט ארויס.

ווייַבער בלייַבנ שטיינ אפ די טירנ מיט שטיקער טייג אינ די הענט. אוזבעקיש קליינוואַרג צעפאָכעט די טיובעטייקעס. די מאשינ פאָרט אָפ.

אונ אז די מאשינ פאָרט אָפ, בלייַבנ מאָרדכע בעסאראבער, נאָ־כעמ פאטלאזשאנער אונ כאווער בראָווער פארגאפטע אונ פארכידעשטע: „דאָס איז עס, הייסט עס? אזוי פאָשעט? הער א מייַסע!.. הער א מייַסע!..” דער שטויב צעגייט זיכ. דאָס קליינוואַרג צעלויפט זיכ, קוואָטשקעס אָנגעבלאָזענע, מיט ווייַסינקע קליינינקע הינדעלעכ, קומענ ווידעראמאָל ארויס אינ גאס אונ פאָרפלענ ווידעראמאָל אָנ מוירע. א קאראוואנ קעמלענ שנייַדט דורכ דעם וועג מיט א קלינגערייַ. אייזלענ

צערעווענ זיכ. אפ א דאכ שטייט אנ איבערגעראשטער אוזבעק אונ האלט אפ קוילע-קוילעס אינ איינ פרעגנ דעמ קישלאק וועגנ א יונג ציגל, א געפינטלטס, א געפלעקטס, מיט ווײַסע שטרײַפעלעכ אפ די פיס, צי ס'האָט קיינער ניט געזענ, קיינער ניט בא-גע-גנ-ט?

אוזבעקיסטאנ. פרילינג. שוינ דער וויפלטער? שוינ דער לעצטער?

9. ווענט

דאָס פורל האָט זיכ געשלעפט טראָט בא טראָט, שווער, באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרופ, סקריפּענדיק אונ קרעכצנדיק. אומגליקלעכע וועגנ בעסאַראַבער.

א מאָכיקער, גרינ געוואָרענער ציילעמ טוט א שווינדל אפנ שליאַכ. א ברונעמ מיט א גרויסנ הילצערנעמ עמער אינדערלופטנ. הויכע וואַלד־ווענט. ערגעצ ווײַט בלישטשעט קעגנ דער זונ א שמאָל זילבערנ פּאַסיקל דניעסטער — א בלאַנקענדיקער כאַלעפּ — אונ צעשנײַדט אפּ צווייענ פעלדער, סעדער, דערפער, שטעטלעכ. איז נאָכ ווײַט, זייער ווײַט צו אונדזערע שטעטל?

האָדל אונ שיפרע, פאַרפּינצטערטע אונ פאַרצאָרנטע (...אונ שוינ אינ דער היימ, מיט וואָס וועלנ מיר, אַלמאָנעס, געהאָלפנ ווערנ?..), זײַנענ געזעסנ אפנ פורל אינ דער היכ, איבער די פעק, געטרייסלט זיכ אונ געהוידעט זיכ, ווי זיי וואָלטנ געפאָרנ אפ האַרטע ליידיקע

פעסער און ניט אפֿ קיין פֿולע ווייכע פּעק. די אלטע קליינינקע בראָכע איז באהאלטן ערגעץ טיף אין וואָגן, ארומגעלייגט מיט קויש־לעך און מיט בינטלעך אפֿ ניט צו דערביוועוען זיך צו איר. עסטער־לען, פֿאָרנט לעבן די פֿערד, האָט דער מאָלדאוואנער דער אָנטרייבער, לעקאָוועד דעם, וואָס זי איז אזא גאסט, מעכאבעד געווען מיט די לייצעס. מאָרדכען, מאָרדכע בעסאראבער, האָט עס די גאנצע צייט אונטערגעהויבן פֿונעם פּלאץ. אין הוילן זשילעט, מיט דער לאנגער פֿארפּלאָנטערטער באָרד זיינער אין מויל, האָט ער אלע מאָל אופֿגע־בלאָזן די נאָזלעכער, און ווי אן אלטער גוטער מייוון טויעם געווען די פֿעלדישע פֿרישקייט אפֿ די ליפּן, געקוויקט זיך מיט איר, גלייך ער וואָלט טויעם געווען עפּעס רעכטן ווייַן.

— זע נאָר, עסטערל!..

ער האָט אלע מאָל א שטורכע געטאָן די מעזינקע זיינע עסטער־לען, און אלע מאָל געמיינט דעם אָנטרייבער, שילפּן:

— ביסט א מייוון, וואָס דאָ וואַלגערט זיך? ביסט א מייוון אפֿ די קוקורוזע־שטעקנס?.. גאָלדענע הייצינג, גאָלדענער „אוטינ" כע, כע... די אוזבעקן וואָלטן דאָס אויסגעלעקט, ווי איך בין א ייִד... הייץ און הייץ, א גאנצע לעבן דערמיט הייצ. הא, עסטערקע?..

ער האָט בעדייע געהאט, מאָרדכע, ווידעראמאָל דערוואַרעמען און ווידעראמאָל ריידעוודיק מאכן דעם דאָזיקן קאלטן, שוויַגנדיקן שילפּן. וואָס זשע פֿאָרט הערט זיך אין שטעטל? גאנץ די הייַזער, גאנץ די גאסן? א סאך שוין אונדזערע אומגעקערט זיך?.. נאָר אָנ־שטאָט צו ריידן וועגן אזא איקער, האָט גאָר מאָרדכע בעסאראבער גערעדט וועגן פּאפּעשויעס און קאָרן, וועגן אקער, וועגן פֿלאנצן א ווייַנגאָרטן און באוואסערן א ווייַנגאָרטן, וועגן זיין גאָלדענע, וואָס פֿלעגן אלע זומער, איינע אליין, מיטן קאָמביין איין, אָנדערהאלבן טויזנט העקטאר ברויט ארָאפּנעמען. דאָס היטל זיינס אפֿן שפּיץ קאָפּ האלט שוין אָט־אָט באמ אראָפּפאלן. ער האָט א כאפּ געטאָן די לייצעס און מיט עסטערלען געביטן זיך מיט די פּלעצער.

— איז וואָס זשע זאָגסטו, ברע שילים, עפּעס אָפּגעלערנט אין דער פרעמד, האַ?..

נאָר שילים האָט געסמאָקעט צו די פערד זײַנע, פון צווישן די ציינער ארויס אלעמאָל א ווײַטן שפריציקן שפּײַ געטאָן און גאָרניט ניט געזאָגט. מע האָט געקאָנט מיינען, אז ער האָט אפילע מאָרדכעס רייד ניט געהערט. עפשער פארסמאָקעט ער אזוי א שמייכל, וואָס רײַסט זיך אים אפ די ליפן ארופ. דערנאָך אָבער, ווען מאָרדכע איז שטיין געבליבן, האָט ער לאנג פארקוקט זיך אין אלטנס גרויער באָרד און זיך פארטראכט, שילים. שווער און כמורנע פארטראכט. וואָס פארא גרויל-בילדער האָט איצט ווידעראמאָל דערזען דער דאָזיקער פּראָס-טער מאָלדאוואנישער אָנטרײַבער?

— ביסט א קלוגער מענטש, מאָרדכע... א קלוגער מענטש... האָסט דיר געראטעוועט די מישפּאָכע דײַנע...

מאָרדכע האָט באקומען פײַער אין די אויגן.

— און ניט געזעסן ליידיק, שילים!.. ווערסט אָנקוקן א גאָלדע... אײַ א גאָלדע! אײַ א גאָלדע!..

מענטשן, וואָס האָבן געהאט אזוי פיל צו דערציילן, אזוי פיל צו פרעגן, האָבן אזוי פיל פרייד באהאלטן אין זיך פאר דער דאָזי-קער רעגע, — זײַנען, ווען די רעגע האָט זיך דערנעענטערט, קאלט געוואָרן און שטיל געוואָרן און ניט געהאט וועגן וואָס צו ריידן. אין שטילקײַט האָבן זיך די רעדער צעקרעכצט און צעשריגן, ווי סע וואָלט זיי עפּעס איבער וויי געטאָן. ווידעראמאָל האָט דורכגעשווינדלט א ציילעם אפן שליאך. ווידעראמאָל א ברונעם. ווידער וואלד. דאָס שמאָלע בלישטשענדיקע זילבער-פאסיקל ערגעץ ווײַט האָט זיך צוגע-רוקט נאָענט, איז ברייט געוואָרן.

שיפרע, אפ די פעק, האָט אײַנגעצויגן זיך אין שאלעכל, אופגע-ציטערט, קליין געוואָרן, ווי עמעצער וואָלט אפ איר א מעסוקענע קעלט אָנגעבלאָזן.

— אפ דעם-אָ וועג, פון דער סטאנציע אין שטעטל ארײַן, פלעגן

יידישע באלעגאָלעס מיט רויטע לײַוונטענע גארטלען אף די בײַכער, מיט גלעקער, אף רעסאָרן — ברענגען פאסאזשירן... געדענקסט, האָדל?..

— פורעלעך ציגײַנערס פלעגן זיך שלעפן דאָ, אזוי־אָ, טריט בא טריט, בארג ארָאָפּ, בארג ארוף, סקריפּענדיק און קרעכצנדיק... געדענקסט, שיפרע?..

און די קליינע עכטערקע האָט פארקנייטשט דאָס פּאָנעם אירס ווי א גרויסע, ווי אן אלטע:

— כ'האָב געמיינט, ס'וועט זײַן אזוי פריילעך דאָס אהיים פאָרן...

— ארויסגעפּאָרן מאָנטיק, אָנגעקומען שאבעס, ווער ווייסט, וואָס פאר א סימען דאָס איז... — האָט די אלטיטשקע בראָכע ארויסגעקרעכצט פון צווישן די קוישלעך.

מאָרעשכוירע איז אָנגעוואקסן אין פורל פלוצעם, אָן א פארוואָס, ווי אפצולאָכעס — ווי אפצולאָכעס די היימישע צייליעמס אפן שליאַך, די הויכע באקענטע ברונעם־שטאנגען, די געגארטע שטיקער וואלד, דער אָט־אָט זיך דערנעענטערנדיקער אויסגעבענקטער היים. וואָס איז דאָס, וואָס?.. מאָרדכען האָט א שניט געטאָן באם הארצן, דעם אָטעם פארשלאָגן. ווי עפּעס א לעבעדיקע קריכונג איז די מאָרעשכוירע אָנגעקראָכן פון די קינדער, פארקליבן זיך אין אים. „יידן מיט רויטע לײַוונטע גארטלען אף די בײַכער... פורלעך ציגײַנערס...“ עך, שיליפ, דו נאָך אונדזן האָסט אויך געבענקט?..

ווען דאָס פורל האָט זיך אראָפּגעלאָזט צווישן די ערשטע הײַזלעך, איז שוין געווען טונקל אין דרויסן. אזוי־אָ, מיד־צעשויבערט, אף פעק, פלעגן אמאָל אקטיאָרן ארײַנפאלן אין שטעטל. א פורל מעכוטאָנים מיט א בלייכן דורכגעפאלענעם כאָסן אינדערמיטן, פלעגן אזוי דורכרוקן זיך צווישן די הײַזלעך. אונדזערע מעכוטאָנים האָט קיינער ניט אנטקעגן געריטן. די אקטיאָרן — קיינער ניט אנטקעגן געטאנצט. קינדער זײַנען ניט נאָכגעלאָפן. איז שוין טאקע אזוי שפּעט אין שטעטל?

מאָרדכע האָט אראָפּגעטאַנצט פונ פורל, נאָכגעשפאַנט פונ הינטנ, געגישטערט מיט די אויגנ אינ דער פינצטעוניש: ווו זײַנענ די דרײַ הויכע טאָפּאָלנ באַמ וועג? אָט זײַנענ די דרײַ הויכע טאָפּאָלנ באַמ וועג... ווו איז דעמ גאַלעכס בלעכענער דאַך? אָט איז דעמ גאַלעכס בלעכענער דאַך. ווו איז די קווימשענדיקע קערניצע? אָט איז די קוויטשענדיקע קערניצע. זע נאָר: דאַכט זיך, שימענ קאָוועלס קוזניע. מיט א צעבראָכענער הילצערנער ראָד אינ דרויסנ. מיטנ סלופּ פערד צוצובינדנ. מיט דער קאָוואַדלע-קלינגערײַ.

— שימענ!.. היי, שימענ!..

דאָ אונ דאָרט אינ מאָלדאַוואַנישע הײַזלעך האָט זיך אָנגעצונדנ ליכט. רויך הייבט זיך פונ די קוימענס. א קיל ווינטל צעוויגט די טאָפּאָלנ.

— אונ שימענ, ווו איז שימענ, שילים?

— נישטאָ!.. אָ-אָ, שוינ לאַנג נישטאָ שימענ!..

* * *

ווו איז אהינגעקומענ מאָרדכע בעסאַראַבערס פריילעכקײַט?

אינ שילים „קאַסע מאַרע" שמעקט מיט ווײַרעך אונ מיט כיילעוו-טשאַד, ווי אינ א קלויסטער. א לײַעצע איז פאַרשפּרייט מיט א רויט-קילימל. אפ א בלוי-געשפּריצטנ אפּנ-אויוונ, אינ א קליינ פּענצטערל, שטייט א גרויסער צעצווײַגטער עפּל-סאָד. אנ איקאָנע הענגט אינ א ווינקל. די איקאָנע, א בלוי-אויגיקע אונ גאַסטפרײַנטלעכע, גייט נאָך מיטנ בליק אירנ פוס-טריט די אלטע בראָכע, וואָס פּלאָנטערט זיך אומ אינ שטוב מיט א נאַסנ האַנטעך אפנ קאָפּ, א קליינ געוואָרענע, א פאַרפרוירענע, מיט א שטילער טפילע אפ די ליפּנ: „גאָט גוטער... טאַטע האַרציקער... בעסער דאָרטנ, אפנ אוזבעקישנ בעסוילעמ, געוועזנ פאַרבלײַבנ, איידער אזוינס מיט די אייגענע אויגנ זיך אָנצוזענ".

האָדל אונ שיפרע נעכטיקנ אפנ בלוי-געשפּריצטנ אפּנ-אויוונ. שיינ

און טרויעריק איז דער אָסיענדיקער האלב-נאקעטער עפּלסאָד. באנאכט גראבלענע דאָס פענצטערל געלע שטארבנדיקע בלעטער. טראָפּנס קייַקלען זיך אפ די שייַבלעך. אלע יאָר אזוי. אלעמאָל אזוי, הא, שיפרע? הא, האָדל?..

איינע עסטערקע האָט שוין אפילע צוריק באווארטעס אירע.

יעכיעל שויכעטס אייניקל, כעוועדל, איז שוין א גרויסע, מיט א פּאָלנעם פארשטאנד, שוין א צו גרויסע. זי דערציילט, כעוועדל, ווי מע האָט דעם זיידנס אירנ, יעכיעל שויכעט, געברענט און געבראָטן. פיר לאנגע זומער־טעג אים געמוטשעט. ביז ער האָט די נעשאָמע געלאָזט. די באָרד אים געסמאליעט, מיטן אייגענעם כאלעפזייַנעם די צונג אים געשניטן, נעגל אופגעריסן. די אָפּיצערן האָבן געלאכט און געבייזערט זיך: פארוואָס שרייַט ער ניט, דער דאָזיקער יידל.. וויאזוי קאָן אזא קליינ מענטשל אזוי לאנג אויסהאלטן? די טאטע-מאמע כעוועדלס, אלע דרייַ שוועסטער מיט די מאנען, די מומעס אלע, שוועסטערקינדער, סימכעס, דאָס ברודערל אירס און נאָך א סאך—א סאך יידן האָט מען, ווי די לעמער, מיט איינ שטריק אויסגעבונדן, אויסגעלייגט אינ א פּאראָם און געפירט איבערן דניעסטער, אינ געטאָ אריינ. נאָר אינמיטן פירן האָט דער פאראָם זיך א בייג געטאָן. ווי שווערע זאכן זייַנען די מענטשן געפאלן אינ וואסער אריינ און נאָכגעשלעפּט איינער דעם אנדערן. זי איז אויך שוין געווען א געבונדענע. האָט גריגאָרעסקו, דער געטאָ-קאָמענדאנט, אָפּגעבונדן זי און זי גענומען צו זיך אינ שיפל אריינ.

— געטשעפּעט זיך צו מיר... אינ שיפל אפן וואסער... ווי א מאן טשעפּעט זיך צו א ווייַב... קראנק געמאכט... יאָ, יאָ!..

האָדלען און שיפרען קלאפּט א צאָן אינ א צאָן. ווײ, ווײ. זיי ברעכן זיך די הענט, קנייַפּן זיך דאָס פּאָנעם אויס. ווײ, ווײ. ביידע אינ איינ מאָל, ווי צוגעקלעפּטע, טוען זיי א צעפּאטלטן וואָרפ זיך אפ צוריק, א מעסוקענעם קוויטשע צו טאָן „ראטעוועט”, שרייַען, ווי פונ כעוועדלס מויל וואָלט ארויס ער אליינ — גריגאָרעסקו.

בראָכע האָט נאָרוואָס טפילע געטאָנ: „מי באָיישׁ, פינצטער איז מיר! מי באמיַיִם, וויסט איז מיר!" איז זי איצט שטיינ געבליבנ פאר־שטארט, מיט א ברייט אָפנ מויל, מיט ווייסע קיַילעכדיקע אויגנ, ווי סע וואָלט אינמיטנ אונסאנע־טויקעפ פלוצעמ אָפגענומענ איר דאָס לאָשנ.

מאָרדכע האָט זיכ אויסגעדרייט מיטנ פּאָנעמ צומ קליינעמ פענצ־טערל אפנ אויוונ, צומ מיִעס געוואָרענעמ עפלסאָד, פארקוועטשט די אויגנ זיַינע אונ געהערט כעוועדלענ אינ דער פינצטער. איז ווי זשע מעג זיכ דאָס עסטערקע כאווערנ מיט איר? איז ווי זשע טאָר מענ דאָס פארווערנ עסטערלענ כאווערנ זיכ מיט איר?..

— עסטערקע!..

ווידעראמאָל רופט מאָרדכע עסטערלענ גיינ מיט אימ א קוק טאָנ אפנ אָפגעברענטנ שטעטל.

דער אלטער טאטע שפאנט מיט א קרומענ סוקעוואטנ שטעקנ אינ דער האנט. די קליינע מעזינקע זיַינע — מיט א רויט שלייפל אינ די האָר.

זי וואָלט אינ די כורוועס פארבלאָנדזשעט געוואָרנ, עסטערל. צעפלאָנטערט די געסלעכ, פארוואלגערט די ליקלעכ, צעפלויגנ זיכ די שינדל־דעכער, סטעליעס איַינגעבראָכענע, אויוונס איַינגעוואליעטע. שטיקער ווענט געקאלכטע, געבלימלטע. א קאָמאָד מיט צוויי לייבנ אויסגעשניצטע איז געווענ אָנגעשפארט אינ א וואנט — ס׳איז דאָ דער קאלכ־פלעק פונ דעמ אויסגעשניצטנ קאָמאָד. א זייגער מיט א פויגל פלעג צע־שפילנ זיכ אפ א וואנט — ס׳איז דאָ דער שפינגעוועב פונ אונטערנ שפילנדיקנ זייגער. ווענט. הוילע ווענט. א פארקוילט שוסטער־בענקעלע איז ערגעצ שטיינ געבליבנ לעבנ א וואנט. ביז שפעט אינ דער נאכט ווער פלעג אזוי שיינ צעזינגענ זיכ אפ דעמ דאָזיקנ שוסטער־בענ־קעלע? א פארזשאווערט שטיק שילד געבליבנ הענגענ אפ א וואנט. וועמענס איז די ניי־מאשינ אפנ פארזשאווערטנ שטיק שילד?

אונטער מאָרדכעס אונ עסטערקעס טריט סקריפענ האָלאָוועשקעס.

מאָרדכע טײַטלט מיטנ שטעקנ זײַנעמ אפנ אָנגעוואלגערטנ כורבנ אונ שטעלט אופ פאר עסטערקענ צװײ קרומע שורעס הײַזער, א געסל א גאנצעס, אונ אינ געסל א שטוב, מיט א הויפ הינטער דער שטוב, מיט א קערניצע אינ הויפ, מיט א גאנעק, מיט שכײנימ אפנ גאנעק— מאָרדכע בעסאראבערס דוירעסדיקע שכײנימ, מאָרדכע בעסאראבערס דוירעסדיקע יערושע-שטוב. א שאָכנ א פרײַנט—יוינע דער לאנגער. א שאָכנ א ברודער — מוישע באסיעס. זי געדענקט נאָכ, עסטערל, יוינע דעמ לאנגנ? זי געדענקט נאָכ, עסטערל, מוישע באסיעס? ער רעדט איצט איבערגעטריבנ וױיכ, װײַבעריש פארלוירנ, נישט װי זי װאָלט מיט אימ געשפאנט דאָ א גלײַכע מיט א גלײַכנ, נאָר װי זי װאָלט כאָלילע געלעגנ צו בעט, די מעזינקע זײַנע, אָט דאָ טאקע אינ אָפגעברענטנ שטיבל, אָט דאָ טאקע אינ אָפגעברענטנ געסל. פארפיריאָרנ, אינ ערשטנ סאָװעטישנ יאָר אינ בעסאראביע, האָט ער מיט מוישענ אונ מיט יוינענ אויסגעפלאנעװעט א נײַעמ יידישנ טאכלעס אינ לעבנ. פאר זיכ א טאכלעס אונ פאר די קינדער א טאכלעס. אפ אלע שפּעטערדיקע יאָרנ א טאכלעס. דאָרט אינ דער עװאקואציע האָט מענ געלעבט מיט ביטאָכנ. ס'װעט עפּשער װידער זײַנ א יוינע דער לאנגער, װידער זײַנ א מוישע באסיעס, ס'װעט נאָכאמאָל זײַנ א היימ, מע װעט װײַטער אפ א װעג ארויס. איז — ט'האָסטו דעמ טאכלעס: הוילע צעװאלגערטע װענט. אונ אי יוינע, אי מוישע, דרײַפערטל שטעטל אונטער די װענט.

— אוי, האָט ער אונדז צעקנײטשט, דער דײַטש... אוי, זײַנענ מיר ארָאפ... ביטער ארָאפ... הא, עסטערל?

װאָס איז עפּעס דעמ טאטנס באָרד אזוי אָפגעצויגנ, נאס? טראָפּנס שװייס האָבנ אזוי ארָאפּגעטריפט דעמ טאטנ אינ דער באָרד ארײַנ?..

נאָר דערנאָכ, דעמ גאנצנ װעג אהיימ, װי א יינגל נאָכ אנ אָפּגעטאָנענער נארישקײַט, שפּאנט מאָרדכע מיט פארשעמטע ארָאפּגעלאָזטע אויגנ. ער דרייט דעמ קרומענ סוקעװאטנ שטעקנ אינ דער האנט אונ קאָנ ניט קוקנ עסטערלענ אינ פּאָנעמ ארײַנ. װי ער װאָלט מיט די

טרערנ די ווײַבערשע אונ מיט די רייד זײַנע אָפּגעטאָנ א מעסוקנ גרויסע אוילע קעגנ קינד.

אינ שטוב, צווישנ מענטשנ, ווערט ער גאָר ריידנ אנדערש, מאָרדכע בעסאראבער.

אלע פארנאכט נעמט זיכ צונויפ צו שילינ אינ „קאסע מארע" דער ערשטער צוריקגעקומענער אוילעמ אינ שטעטל. דער אוילעמ, וואָס האָט דורכ ניסימ איבערגעלעבט „טראנסניסטריע". יידנ מיט גרויע שאָטנדיקע בערד, יידענעס מיט געטעסעטע קאנטיקע פענעמער פאלנ אריינ אינ שטוב אינ איינ צײַט, איינער נאָכנ אנדערנ, אָנ גוטנאָוונטנ, זײַטיק, ווי כאָלילע נאָכ קווורע צו א מיניענ. אינ ערגעצ איז קיינער אינ דער היימ ניט געבליבנ — אונ אפ איינ לײַעצע בא שילינ אינ „קאסע מארע" רוקט זיכ קיינאָרע צונויפ דאָס גאנצע שטעטל. בעסעראבער יידנ אונ יידענעס, וואָס האָבנ געהאט אינ זיכ נײַנ מאָס רייד, זיצנ איצט שטומ געוואָרענע, אומגעלומפערט-פורעמדע. זאָל דער אָוול נאָר דעמ קאדעש אָפּזאָגנ, ווערט מענ שטיל אָנווינטשנ דער נעשאָמע אנ אליע אונ, ווי באמ ארײַנקומענ, אינ איינ צײַט, איינער נאָכנ אנדערנ, אָנ גוטענאכטנ, זײַטיק ארויספאלנ. נאָר אז קיינער זאָגט קיינ קאדעש ניט אונ קיינער ווייסט ניט, ווער ס'איז א גרעסערער אָוול אינ מיניענ, זיצנ אונ שווײַגנ די יידנ אונ יידענעס, אומגעלומפערט-פארפינצטערטע, פריקרע, ביז טיפ אינ אָוונט ארײַנ, ביז פינצטערניש אינ שויבנ פלעכט זיכ איבער מיט פינצטעריניש אפ קאנטיק-געטעסעטע פענעמער.

בראָכע נעמט אראָפּ דאָס לעמפל פונ דער וואנט, טוט אויס דאָס גלעזל פונ לעמפל, אָטעמט אָנ אינ דעמ אונ שטופּט אהינ ארײַנ דעמ גאנצנ פארטעכ אירנ. „גאָלדע קרוינ, — צעטײַנעט זי זיכ פלוצעמ צומ פארטעכ, — ביסט אפ צוויי טעג צוגעפאָרנ קיינ קעשעניעוו אונ ס'איז שוינ צוויי וואָכנ באלד, גאָלדע קרוינ!.." פונ דער שײַנ אונ פונ גאָלדענ ווערט מאָרדכעס ליכטיק אינ די אויגנ. מיט א צעקעמטער ברייט געוואָרענער באָרד צעשפאנט ער זיכ הינ אונ צוריק איבער דער שטוב

און הייבט אָן וויקלען ארום די שווײַגנדיקע געטאָ-ייִדן א מײַסעלע וועגן יאנקעוו, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט אין א ווײַט-ווײַטן קישלאק צווישן בערג. זויהעל — א געצעלט — א ליימענע קיביטקע אין אוזבעקישן קישלאק. טיובעטייקעס — יארמלקעס — שפילעוודיק און פארביק ווי רעגנבויגנס. פאסנדיקע טשאָפאנען, טכיילעסדיק-זײַדענע ווי טאלייסים. וואיאכוויש אווראָהאָם עס כאמוירוי — יעדער אוזבעק איז געפאָרן אָפ אן אייזל אין סטעפ. ציגלעך — געפלעקטע, געפינטלטע, מיט ווײַסע און שווארצע שטרייפעלעך אָפ די פיס. ווײַנשטאָקן, כאמישאָסער-ביימער, — פארשעס כומעש. און דער אלטער יאנקעוו אָווינו האָט אופגעזעצט קוואָטשקעס, אויסגעפירט הינדלעך, א גאָרטן פארזייט, א ציבעלע, א רעטעכל, א ביסל קריפ. סאָרע און ריווקע און ראָכל און לייע האָבן געשניטן טווע מיט סערפן, געפאָרן אָפ א קאָמבײַ, א סאך „טעג" אויסגעארבעט. נאָר די קלענסטע, די מעזינקע אין כומעש...

א שיינ מײַסעלע דערציילט מאָרדכע בעסאראבער. נאָר אלצדינג אין מײַסעלע דאכט זיך די ייִדן ווי אין א מײַסעלע, און ניט ווי אינדערעמעסן.

די ייִדן מיט די שטומע פינצטערע פּנעמער זײַנען שוין געשטאנען אוועקצוגיין, זעצן זיי זיך ווידער צו אָפ דער לײַעצע. דאָס ליכט אין שטוב האָט זיי צעפינטלט די אויגן. מאָרדכעס מײַסעלע האָט זיי ריידעוודיק געמאכט. ניט צו דערציילן עפעס שטילס און גאנצס, ווי מאָרדכע האָט דערציילט, נאָר א וואָרף צו טאָן אָפגעהאקטע געשפאָלטענע שורעס. שורעס פארקלעמטע, ציטערנדיקע, פון פארקלעמטע, ציטערנדיקע ליפן ארויס:

— אונדזער טועכצ איז געווען א פּאָשעטערע...

— ווארטן א גאנצן מעסלעס אָפן טויט...

— לאָז זיך שוין אמאָל ארויס אָפ אינדז, כאלעפ דערבארעמדיקער!..

— ווי אין דער כומעשדיקער אקיידע...

— כא,־כא. דאָרטנ-אָ, אינ געטאָ, אפ יענער זײַט דניעסטער...

— אָוועס — אפילע צו קווורע ניט געבראכט...

— סאָרע, ריווקע, ראָכל, לייע — געשענדט פונ אומרײנע גאסנ-יונגענ...

— געפלעקטע אונ געפײַניקטע — אונדזערע קינדער. מיט רויטע בלוטנדיקע שטרייפעלעכ ארומ די העלדזער...

— אונ אז אינ א גאנצער מישפּאָכע איז מיט איינעמ א נעס געשענ...

— איז וואָס האָט ער אימ געדארפט, דעמ נעס?

— איז ווענעמ האָט ער אינ דער היימ געטראָפנ?

— דעמ בעסוילעמ אפילע ניט געפונענ...

— דאָס גאנצע שטעטל א בעסוילעמ...

— אָנגעוואלגערטע קוואָרימ-שטיבלעכ...

— ווענט ווי מאצײווע...

מאָרדכע הערט די ייִדנ מיט א פארקרימט צעעפנט מויל. אנ אויג זײַנס האָט זיכ פארצויגנ. ס'האָט פארקנייטשט זיכ דער געלער געראונצלטער שטערנ זײַנער. עמעס. עמעס. אפ וואָס זשע אָבער ווארטנ זיי, די דאָזיקע ייִדנ? וואָס האָבנ זיי זיכ אוועקגעזעצט, א האלב יאָר שוינ אינ שטעטל, אונ שווײַגנ? אפ אזעלכע רייד — וואָס וואָלט ער געענטפערט, מאָרדכע, גראָד דאָרט, אינ דער פרעמד, אינ ווײַטנ אוזבעקישנ קישלאק זײַנעמ?

— רעב ייִד... — הייבט ער אָנ דורכטראכטנ דעמ ענטפער אפ א קאָל אונ כאפט ארײַנ א פרעמדע באָרד אינ דער האנט, — אז ס'איז דאָ ווענט, וועט זײַנ א דאכ, דארפ זײַנ א דאכ, איר הערט, רעב ייִד... נישט פונ שינדל, איז פונ ליימ א דאכ, מיט גראָז באוואקסנ... שיפרע, האָדל, ס'וואָלטנ אײַכ געפעלנ אוזבעקישע דעכער אינ שטעטל?..

נאָר אז די ייִדנ גייענ אוועק, בלײַבט מאָרדכע ווידער זיצנ, ווי א ייִנגל, וואָס האָט שוינ אָפגעטאָנ א נײַע נארישקײַט, מיט פארשעמטע אראָפגעלאָזטע אויגנ: וואָס האָט ער זיי מעצאער געווענ, די

דאָזיקע ייִדנ? ער אליינ רעדט דאָכ .פּונקט אזוי ווי זיי. הענט אונ פּיס האָבנ דאָכ אימ אויכ אָפּגענומענ, זינט ער איז געקומענ אינ שטעטל. ערשט הײַנט, מיט עטלעכע שאָ פריִער, צעגאָסנ זיכ מיט טרערנ... „אופהייבנ א דאכ אפ די ווענט" — זיי זאָגט ער דאָס? די אומגליקלעכע אונ פארפינצטערטע? אונ זיכ אליינ, מאָרדכע בעסאראבער, וואָס איז קימאט מיט דער גאנצער מישפּאָכע זײַנער ארויס גאנצ פונ דעמ דאָזיקנ ניסאָיענ, זיכ אליינ, זיכ אליינ פארוואָס זאָגט ער דאָס ניט?..

שיפרע אונ האָדל זײַנענ שוינ לאנג ארופגעקראָכנ אפנ בלוי-געשפּריצטנ אפנ-אויוונ. אפ דער לײַעצע, ביידע מיט צעפּאטלטע האָר, ביידע מעסוקנ מידע, כראָפּענ אונ קרעכצנ בראָכע אונ עסטערקע. אנ אָסיענדיקער הארטער רעגנ האָט זיכ פּלוצעמ צעשמיסנ אינ די שויבנ. מאָרדכע, א וואכנדיקער, שלעפּט זיכ אומ הינ אונ הער איבער דער שטוב, מאטערט זיכ, וויל ארופציִענ אפ זיכ אנ אויגעש אונ פילט זיכ דערפונ גרינגער, פרײַער. די מאָרעשכוירע זײַנע, וואָס איז אימ באפאלנ באמ ערשטנ אָנקומ אינ שטעטל, טיילט ער איצט אָפּ פונ זיכ ווי עפּעס א באזונדערע מאמאָשעסדיקע זאכ, וועגט זי, מעסט זי, שטעלט זי ארופ אפ דער דלאָניע זײַנער אָנצוקוקנ פונדערווײַטנס. דערנאָכ שפּאנט ער ארויס אינ הויפ ארײַנ, שטייט לאנג אפנ קאלטנ רעגנ אונ פארגלײַכט די מאָרעשכוירע צו דער בלינדער פינצטערניש אינ דרויסנ, צו א בלינדער מאקע, וואָס האָט אפ א קראנקנ פארפײַניקטנ גופ ארויסגעזועצט ווי א צוגאָב. אז ער קומט שפּעטער צוריק אינ שטוב ארײַנ, א דורכגעווייקטער אונ אָפּגעפרישטער, ווייסט ער, מאָרדכע, אז מע דארפ די דאָזיקע בלינדע מאקע, וואָס האָט אונדז אלעמענ גלײַכ באזועצט, אופהאקנ...

א גאנצע לאנגע נאכט ליגט מאָרדכע אָפּ א וואכנדיקער אפ א הארט דאָרפיש בענקל בא שיליפנ אינ „קאסע מארע". פארטאָג, אינ די פענצטער הייבט נאָר אָנ בלוי ווערנ, שלעפּט ער זיכ ווידער אינ הויפ ארויס, פארקוקט זיכ אפנ אויסגעלײַטערטנ הימל, אפנ שטיל גע־

וואָרענעמ דרויסנ אונ טראכט, אז ניט ערגעצ דאָרט דער הימל אונ ניט ערגעצ דאָ דער דרויסנ, נאָר בא מאָרדכע בעסאראבער איז עפּעס לויטער געוואָרנ אונ שטיל געוואָרנ.

דער שווערער רעגנ באנאכט האָט איבערגעבראָכנ צווייַגנ אינ עפּלסאָד. צעריבעט די נייַ אָסיענדיקע פּאראקערטקייַט, דעמ געפּלאָכטענעמ פּלויט אומגעוואָרפנ. אינ הוילנ העמד, א באָרוועסער, די הויזנ העכער די קני פּארקאטשעט, בינדט שיליפּ שוינ די וווּנדנ איבער בא די צווייַגנ, פּאריכט שוינ דעמ טעל געמאכטנ אקער, הייבט דעמ אומגעוואָרפענעמ פּלויט אופּ.

— גוטמאָרגנ, ברודער שיליפּ!.. א פּאָר קעטמענעג, א פּאָר לאָפּעטעס וועט מענ קענענ קריגנ בא דיר?..

האָדל אונ שיפּרע, בראָכע אונ עסטערקע שלאָפנ מיט א זיסנ געשמאקנ פרימאָרגנ־שלאָפ. ס׳א גאָטס ראכמאָנעס אזא שלאָפ צו צעשטערנ. מאָרדכע הערט זיכ צו, ווי עס קרייענ די הענער, מעסט די צייַט מיט אופּגעבלאָזענע נאָזלעכער. אינ קישלאק, אינ דער־אָ שאָ, איז מענ שוינ געווענ העט-העט, אפּנ כאדזשי־מושקענטער שאָסיי-וועג, מע האָט שוינ די מיל אָנגעזוענ.

— האָדל, א, האָדל... שיפּרע, בראָכע... פּארשלאָפט ניט, קינדער!.. איר האָט פּארגעסנ, אז מיר גייענ שוינ הייַנט אפּנ סטעפּ ארויס?.. אונ דו, עסטערל, דו וועסט אויכ גיינ מיט אונדז?..

* * *

... אינ א לאנגנ פּארטעכ אָנגעטאָנ, א פּארשווייסיקטער, שטייט דער אלטער מאָרדכע אייַנגעטונקענ אינ שטויב. אפּ די וויעס שטויב, אפּ די פּארוואקסענע ליפּנ שטויב. שטויב אפּ דער גרויער באָרד זייַנער.

האָדל אונ שיפּרע קנעטנ ליימ, דרייענ זיכ אינ א ראָד אייגנע ארומ דער אנדערער, שווער אונ אָנגעכמוריעט, מיט האלבע קליידלעכ פּארשטעקט, מיט פּארקלייסטערטע, ליימיקע פיס, וואָס וועגנ איצט גאנצע פּודנ.

בישכייַנעס, אפ יוינע דעם לאנגנס אָפגעברענטנ גאנעק, האָט בראָכע צוויי ציגל אוועקגעלייגט, פייַער געמאכט, אופגעשטעלט א טאָפ אפ די ציגל, אונ באנייַס רייכערט זיכ יוינע דעם לאנגנס אָפגעברענטער גאנעק.

עסטערקע האָט זיכ אייַנגעשפאנט אינ א יאָכ: קווערטלעכ וואסער צוצוטראָגנ, ביסלעכ שטרוי אינ די זשמעניעס. פרילינג, באמ צוריקומענ, שפאנט זיכ אייַנ אזוי א שוועלבעלע.

נאָר וואָס זשע, אז ס׳וועט שוינ צוריק זייַנ א דאכ איבער די ווענט, צוריק אויסבויענ זיכ א נעסט אונטערנ דאכ?.. וואָס זשע, אז אינ א פראָסטיק־בייזנ ווינטער־טאָג האָט אריַינגעבלאָנדזעט א שוואלב, איינ שוואלב?..

א פארטראכטער זעצט זיכ מאָרדכע אָפרוענ אפ א היימיש, אייַנגעבראָכנ שטיק סטעליע. ער נעמט דעם איניענ אנדערש, מאָרדכע:

אָט דאָ, אונטער דער־אָ סטעליע, האָט געלעבט דער טאטע, דער זיידע, דער עלטער־זיידע. א גאנצע דוירעסדיקע קייט פרייד אונ לייד. א סאכ רינגענ אינ דער קייט. אָט דאָ, אונטער דער־אָ סטעליע, האָט מענ די קייט איבערגעריסנ. שיר ניט אפ טאָמיד. מאָשלט זיכ דאָס אופהייבנ די סטעליע מיט פארקניפנ זיכ ווידער אינ דער קייט, רינגלענ וויַיטער די פרייד אונ לייד פונ מאָרדכע בעסאראבערס זיידעס אונ עלטער־זיידעס.

די וועגט אונטער דער סטעליע מאָשלט מאָרדכע מיט זיכ אליינ, מיט האָדלענ אונ שיפרעז, מיט זייַנ גאָלדענ, מיט עסטערקענ. דרייַ זומערס געהיט זיי, די „וועגט,” געטינקעוועט אונ געקאלכט, געפעסטיקט. די געטאָ־יידנ האָבנ יעדנ טאָג געוואָרט אפנ טויט. מיר האָבנ דרייַ זומערס געוואָרט אפ דער דאָזיקער רעגע. איז טוליעט זיכ צו צו אונדז, געטאָ־יידנ, שפארט אייַכ אָנ אָנ אונדז. אז ס׳איז דאָ א סאָוועטסקע וולאסט, וועט זייַנ א דאכ איבערנ קאָפ, דארפ זייַנ א דאכ איבערנ קאָפ.

מאָרדכע הייבט זיכ אופ, גלייַכט זיכ אויס. פאריכט דאָס פארטעכ

אפ זיכ. די באָרד זײַנע איז פארפלאָנטערט מיט שטיקער לײמ. דאָס שטײנ זײַנס — א שטרענגס אונ א פעסטס. אינ קאָל — אנ אָנגעשפאָלטענע װײכקײַט, װי אינ א װידערקאָל:

— הײ, שיפרע, האָדל, װאָס איז שױנ עפעס װידער פאר א מאָ־רעשכוירע, װאָס?..

לאָמיר פארבויענ א דאכ איבער מאָרדכע בעסאראבער, פארלײגנ א טטריכע, פענצטער אויסהאקנ. ס'װעט װידער א בלאָז טאָנ מיט פרײַער, פרישער לופט. זונ װעט גאָלדיק ארײַנשײַנענ...